# די בשׂורה טובה לויט
# מאַרקוס

א דער אָנהייב פֿון דער בשׂורה פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, דעם בֶּן־אֱלֹהִים.
2 אַזוי ווי סע שטייט געשריבן אין די נבֿיאים: זע, איך שיק
3 מײַן שלִיח פֿאַר דײַן פָּנים, וואָס וועט אָנבּרייטן דײַן וועג; אַ
קול רופֿט אין דער מִדבּר: מאַכט גרייט דעם וועג פֿון גאָט,
4 גלײַכט אויס זײַנע שטעגן. יוחָנָן הַמַטבּיל איז געקומען אין
דער מִדבּר, און האָט אָנגעזאָגט די טבִילה פֿון תּשובה פֿאַר
5 דער פֿאַרגעבונג פֿון זינד. און דאָס גאַנצע לאַנד יהודה, און
אַלע באַוואוינער פֿון ירושָלַיִם זענען צו אים אַרויסגעגאַנגען; און
זיי זענען פֿון אים געטובֿלט געוואָרן אין דעם טײַך יַרדן, און
6 האָבן זיך מִתוַדה געווען אויף זייערע זינד. און יוחָנָן האָט
געטראָגן אַ מַלבּוש פֿון קעמל־האָר, און אַ לעדערנעם גאַרטל
אַרום זײַנע לענדן, און געגעסן האָט ער הײַשעריקן און ווילדן
7 האָניק. און ער האָט גערופֿן, אַזוי צו זאָגן: נאָך מיר קומט
דער, וואָס איז מעכטיקער פֿון מיר, און איך בין ניט רָאוי זיך
אײַנצובייגן פֿאַר אים און אים אויפֿבינדן די רימענדלעך פֿון זײַנע
8 שיך. איך האָב אײַך געטובֿלט מיט וואַסער, אָבער ער וועט
9 אײַך טובֿלען מיט דעם רוח־הַקוֹדֶש. און עס איז געווען אין יענע
טעג, אַז יֵשוּעַ איז געקומען פֿון נצֶרֶת אין גָליל, און איז געטובֿלט
10 געוואָרן פֿון יוחָנָן אין יַרדן. און ווי נאָר ער איז אַרויסגעקומען
פֿון דעם וואַסער, האָט ער געזען דעם הימל זיך שפּאַלטן, און
11 דעם גייסט אַראָפּשוועבן ווי אַ טויב אויף אים; און אַ קול איז
אַרויס פֿון הימל: דו ביסט מײַן געליבטער זון; אין דיר איז מײַן
12 וואוילגעפֿעלן. און תּיכּף האָט אים דער גייסט געטריבן אין
13 דער מִדבּר אַרײַן. און ער איז געווען אין דער מִדבּר פֿערציק
טעג, געפּרוּווט פֿון דעם שׂטן; און ער איז געווען מיט ווילדע
14 חַיות, און מַלאָכים האָבן אים באַדינט. און נאָכדעם ווי יוחָנָן איז
איבערגעענטפֿערט

איבערגעענטפערט געוואָרן, איז יֵשוּעַ געקומען קיין גָליל, און
15 האָט אָנגעזאָגט די בשׂורה פון גאָט, אַזוי צו זאָגן: די צייט איז
מקוים געוואָרן, און דאָס מַלכות פון גאָט האָט זיך דערנענטערט;
16 טוט תשובה, און גלייבט אין דער בשׂורה. און גייענדיק ביים
יַם פון גָליל, האָט ער געזען שִמעונען און אַנדרייַען, שִמעונס
ברודער, פאַרוואַרפן אַ נעץ אין יַם אַריין; וואָרים זיי זענען געווען
17 פישערס. און יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט: גייט מיר נאָך, און
18 איך וועל אייך מאַכן פאַר פישערס פון מענטשן. און זיי האָבן
19 תֵּיכף פאַרלאָזט די נעצן, און זענען אים נאָכגעגאַנגען. און אַז
ער איז אַביסל ווייטער געגאַנגען, האָט ער געזען יַעקֹב בֶּן־זַבדי,
און יוחָנָן זיין ברודער, וואָס זענען געווען אין דער שיף, און האָבן
20 פאַרראָכטן די נעצן. און ער האָט זיי תֵּיכף גערופן; און זיי
האָבן איבערגעלאָזט זייער פאָטער זַבדי אין דער שיף מיט די
21 געדונגענע אַרבעטער, און זענען אים נאָכגעגאַנגען. און זיי זענען
געקומען קיין כּפַר־נַחום; און שַבּת איז ער תֵּיכף אַרייַנגעגאַנגען
22 אין דער שול אַריין, און האָט געלערנט. און זיי זענען נִשתּומם
געוואָרן איבער זיין תּורה, וואָרים ער האָט זיי געלערנט ווי
23 איינער וואָס האָט רשוּת, און ניט ווי די סופרים. און גראָד איז
24 אין זייער שול געווען אַ מענטש מיט אַן אומריינעם גייסט; און
ער האָט אויסגעשריגן: וואָס ווילסטו פון אונדז, יֵשוּעַ הַנוצרי?
ביסטו געקומען אונדז צו פאַרטיליקן? איך ווייס ווער דו ביסט:
25 דער הייליקער פון גאָט. אָבער יֵשוּעַ האָט אויף אים אָנגעשריגן,
26 און געזאָגט: שווייג, און גיי אַרויס פון אים׳ און דער אומריינער
גייסט האָט אים געריסן, און געשריגן מיט אַ הויך קול, און איז
27 אַרויס פון אים. און זיי זענען אַלע נִשתּומם געוואָרן, און איינער
האָט דעם אַנדערן געפרעגט: וואָס איז דאָס? אַ נייע תּורה׳
מיט מאַכט באַפעלט ער אַפילו די אומריינע גייסטער, און זיי
28 געהאָרכן אים. און זיין שֵם האָט זיך תֵּיכף פאַרשפּרייט אין דער
29 גאַנצער געגנט פון גָליל. און בעת זיי זענען אַרויסגעגאַנגען
פון דער שול, זענען זיי אַרייַנגעגאַנגען אין דעם הויז פון שִמעון
און

30 און אַנדריי, מיט יַעקבֿן און יוֹחָנָן. און שִמעונס שוויגער איז
געלעגן קראַנק אויף פֿיבער, און זיי האָבן אים תּיכּף דערציילט
31 וועגן איר. און ער איז צוגעגאַנגען און האָט זי אָנגענומען
בײַ דער האַנט, און זי איז אויפֿגעהויבן; און דאָס פֿיבער האָט זי
32 אָפּגעלאָזט, און זי האָט זיי באַדינט. און קעגן אָוונט, בעת
די זון איז אונטערגעגאַנגען, האָבן זיי צו אים געבראַכט אַלע,
33 וואָס זענען געווען קראַנק און באַזעסן פֿון בייזע גייסטער. און
34 די גאַנצע שטאָט האָט זיך פֿאַרזאַמלט בײַ דער טיר. און ער
האָט געהיילט אַ סך, וואָס האָבן געליטן פֿון אַלערליי חולאַתן,
און האָט אַרויסגעטריבן אַ סך בייזע גייסטער; און ער האָט
די בייזע גייסטער ניט געלאָזט רעדן, מַחמת זיי האָבן אים
35 געקענט. און אין דער פֿרי, אַ היפּשע צייט נאָך פֿאַרטאָג, איז
ער אויפֿגעשטאַנען און איז אָרויסגעגאַנגען אין אַ וויסטן אָרט,
36 און האָט דאָרטן מִתפּלל געווען. און שִמעון און די, וואָס זענען
37 מיט אים געווען, האָבן אים אָרומגעזוכט; און אַז זיי האָבן אים
38 געפֿונען, האָבן זיי צו אים געזאָגט: אַלע זוכן דיך. און ער האָט צו
זיי געזאָגט: לאָמיר גיין ערגעץ־אַנדערש, אין די שכֵנישע שטעט
אָריין, כּדי איך זאָל אויך דאָרטן דַרשענען; וואָרים צוליב דעם
39 בין איך אָרויסגעגאַנגען. און ער האָט געדַרשנט אין זייערע שולן
40 אין גאַנץ גָליל, און האָט אָרויסגעטריבן בייזע גייסטער. און עס
איז צו אים געקומען אַ מצורע, וואָס איז פֿאַר אים געפֿאַלן אויף די
קני, און האָט אים געבעטן, אַזוי צו זאָגן: אויב דו ווילסט, קאָנסטו
41 מיך מאַכן ריין. און יֵשוע האָט אויף אים רַחמָנות באַקומען, און
האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, און האָט אים אָנגערירט, און
42 געזאָגט: איך וויל; זיי ריין. און תּיכּף האָט זיך דאָס צָרעת
43 אָפּגעטאָן פֿון אים, און ער איז געוואָרן ריין. און ער האָט אים
44 שטרענג באַפֿוילן, און אים געהייסן גלייך גיין, און האָט צו אים
געזאָגט: זע, זאָלסט עס קיינעם ניט דערציילן; נייערט גיי און ווייז
דיך פֿאַרן כֹּהן, און זיי מַקריב פֿאַר דיין רייניקונג וואָס משה האָט
45 געבאָטן, פֿאַר אַן עדות צו זיי. אָבער ער איז אַרויסגעגאַנגען, און
האָט

האָט עס גענומען שטאַרק באַקאַנט מאַכן, און די זאַך אומעטום
צו פאַרשפּרייטן, אַזוי, אַז יֵשוּעַ האָט מער ניט געקאָנט פריי
אַרייַנקומען אין אַ שטאָט אַריין, נייערט איז געבליבן דרויסן אין
ווייסטע ערטער; און זיי זענען צו אים געקומען פון אומעטום.
ב און נאָך עטלעכע טעג איז ער ווידער געקומען קיין כּפַר־נַחוּם,
2 און מען האָט זיך דערוואוסט, אַז ער איז אין דער היים. און אַ
סך האָבן זיך פאַרזאַמלט, ביז סע איז מער ניט געווען קיין פּלאַץ,
ניט צומאָל פאַר דער טיר; און ער האָר גערעדט צו זיי דאָס
3 וואָרט. און זיי זענען געקומען, און האָבן צו אים געבראַכט אַ
4 געלייַמטן, וועמען פיר מענטשן האָבן געטראגן. און אַזויווי זיי
האָבן ניט געקאָנט צוקומען צו אים צוליב דעם עולם, האָבן זיי
אויפגעדעקט דעם דאַך איבער אים; און נאָכדעם ווי זיי האָבן
געמאַכט אַן עפענונג, האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט דאָס געלעגער,
5 אויף וועלכן דער געלייַמטער איז געלעגן. און אַז יֵשוּעַ האָט
געזען זייער אֶמוּנה, האָט ער געזאָגט צום געלייַמטן: מיין זון,
6 דיינע זינד זענען דיר פאַרגעבן געוואָרן. און דאָרטן זענען געזעסן
עטלעכע סופרים, וואָס האָבן געטראַכט אין זייערע הערצער:
7 פאַרוואָס רעדט ער אַזוינס? ער לעסטערט׳ ווער קאָן מוחל זיין
8 זינד, אַחוץ גאָט אַליין? און יֵשוּעַ האָט תּיכּף פאַרשטאַנען אין
זיין גייסט וועגן וואָס זיי טראַכטן, און ער האָט צו זיי געזאָגט:
9 פאַרוואָס טראַכט איר אַזוינס אין אייערע הערצער? וואָס איז
גרינגער, צו זאָגן צום געלייַמטן: דיינע זינד זענען דיר פאַרגעבן
געוואָרן; אָדער צו זאָגן: שטיי אויף, נעם דיין געלעגער און גיי?
10 אָבער כּדי איר זאָלט וויסן, אַז דער בֶּן־אָדָם האָט רשות אויף
דער ערד מוחל צו זיין זינד־ האָט ער געזאָגט צום געלייַמטן
11 ־ איך זאָג דיר, שטיי אויף, און נעם דיין געלעגער, און גיי
12 אַהיים. און ער איז אויפגעשטאַנען, און האָט תּיכּף גענומען
זיין געלעגער, און איז אַרויסגעגאַנגען פון פאַר זיי אַלע; אַזוי,
אַז אַלע זענען נִשתּומם געוואָרן, און האָבן געלויבט גאָט, און
13 געזאָגט: אַזוינס האָבן מיר נאָך קיינמאָל ניט געזען. און ער
איז

איז ווידער אַרויסגעגאַנגען צום יַם; און דאָס גאַנצע פֿאָלק איז
14 צו אים געקומען, און ער האָט זיי געלערנט. און בעת ער
איז פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָט ער געזען לֵוִי בֶּן־חַלְפַי זיצן אויפֿן
צאָל־אַמט, און ער האָט צו אים געזאָגט: גיי מיר נאָך. און ער
15 איז אויפֿגעשטאַנען און איז אים נאָכגעגאַנגען. און עס איז געווען,
בעת ער איז געזעסן ביים טיש אין זיין הויז, האָבן אַ סך מוכסים
און זינדיקע זיך אַנידערגעזעצט מיט יֵשוּעַן און זיינע תַּלמידים;
16 וואָרים אַ סך פֿון זיי זענען אים נאָכגעגאַנגען. און ווען די סופֿרים
פֿון די פּרושים האָבן געזען, אַז ער עסט מיט זינדיקע און מיט
מוכסים, האָבן זיי געזאָגט צו זיינע תַּלמידים: פֿאַרוואָס עסט ער
17 און טרינקט מיט מוכסים און זינדיקע? און אַז יֵשוּעַ האָט דאָס
געהערט, האָט ער צו זיי געזאָגט: די, וואָס זענען געזונט, נייטיקן
זיך ניט אין קיין רופֿא, נייערט די, וואָס זענען קראַנק; איך בין ניט
18 געקומען צו רופֿן די צַדיקים, נייערט די זינדיקע. און די תַּלמידים
פֿון יוחָנָן און פֿון די פּרושים פֿלעגן פֿאַסטן; און זיי זענען געקומען
און האָבן צו אים געזאָגט: פֿאַרוואָס טוען יוחָנָנס תַּלמידים און די
תַּלמידים פֿון די פּרושים פֿאַסטן, און דיינע תַּלמידים פֿאַסטן ניט?
19 האָט יֵשוּעַ צו זיי געזאָגט: קענען די מחוּתָּנים פֿאַסטן, בשַעת
דער חָתן איז מיט זיי? כָּל־זמַן דער חָתן איז צווישן זיי, קענען
20 זיי ניט פֿאַסטן. סע וועלן אָבער קומען טעג, ווען דער חָתן וועט
אַוועקגענומען ווערן פֿון זיי, און דעמאָלט וועלן זיי פֿאַסטן אין
21 יענע טעג. און קיינער נייט ניט אַ לאַטע פֿון ניט־איינגעלאָפֿענעם
טוך אויף אַן אַלט מַלבוש; אויב יאָ, רייסט זיך די לאַטע אָפּ, די
22 נייע פֿון דעם אַלטן, און סע ווערט נאָך אַן ערגערער ריס. און
קיינער גיסט ניט אַריין קיין נייעם וויין אין אַלטע לאָגלען; ווייל
דער וויין צעפּלאַצט די לאָגלען, און דער וויין גייט פֿאַרלוירן,
און אויך די לאָגלען; נייערט נייעם וויין גיסט מען אַריין אין נייע
23 לאָגלען. און עס איז געווען, אַז ער איז אין אַ שַבּת געגאַנגען
דורך תּבוּאה־פֿעלדער, און זיינע תַּלמידים האָבן אָנגעהויבן צו
24 רייסן זאַנגען אויף דעם וועג. און די פּרושים האָבן צו אים

געזאָגט: זע, הַלמַאי טוען זיי אום שַׁבּת, וואָס מען טאָר ניט?
25 האָט ער צו זיי געזאָגט: האָט איר קיינמאָל ניט געלייענט וואָס
דָוִד האָט געטאָן, בּעת ער איז געווען אין נויט און האָט געליטן
26 הונגער, ער און די מענטשן וואָס זענען געווען מיט אים? ווי ער
איז אַרײַנגעגאַנגען אין דעם הויז פֿון גאָט, בּעת אֶבְיָתָר איז געווען
כֹּהן־גָדול, און האָט געגעסן דאָס לֶחֶם־הַפָּנים, וואָס קיינער טאָר
ניט עסן, אָחוץ די כֹּהֲנים, און ער האָט אויך געגעבּן צו די, וואָס
27 זענען געווען מיט אים? און ער האָט צו זיי געזאָגט: דער שַׁבּת
איז געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר דעם מענטשן, און ניט דער מענטש
28 פֿאַר דעם שַׁבּת. דעריבּער איז דער בֶּן־אָדָם אויך האָר איבּער
דעם שַׁבּת.
ג און ער איז ווידער אַרײַנגעגאַנגען אין שול, און דאָרט איז געווען
2 אַ מענטש, וואָס האָט געהאַט אַ פֿאַרדאַרטע האַנט. און זיי
האָבּן אים נאָכגעקוקט, צי וועט ער אים היילן אים שַׁבּת, כּדי
3 צו קענען מאַכן אויף אים אַ מְסִירה. און ער האָט געזאָגט
צו דעם מענטשן מיט דער פֿאַרדאַרטער האַנט: שטעל דיך
4 אין דיר מיט. און ער האָט צו זיי געזאָגט: מעג מען שַׁבּת
טאָן גוטס, אָדער שלעכטס, מַציל זיין אַ נֶפֶש, אָדער טייטן?
5 אָבּער זיי האָבּן געשוויגן. און ער האָט זיך אַרומגעקוקט
אויף זיי מיט צאָרן, און האָט זיך מצַער געווען איבּער זייער
האַרטהאַרציקייט, און געזאָגט צו דעם מענטשן: שטרעק אויס
דיין האַנט. און ער האָט זי אויסגעשטרעקט, און זיין האָנט איז
6 געזונט געוואָרן. און די פּרושים זענען אַרויסגעגאַנגען, און האָבּן
זיך תֵּיכּף אַן עֵצה געהאַלטן מיט די הורדוס־לײַט קעגן אים, ווי
7 אים אומצובּרענגען. און יֵשוּעַ איז אַוועק מיט זיינע תַּלמידים צום
יַם, און אַ גרויסער עוֹלם איז אים נאָכגעגאַנגען פֿון גָליל, און פֿון
8 יהודה, און פֿון ירושָׁלַיִם, און פֿון אֱדום, און פֿון עֵבר־הַיַרדן, און פֿון
אַרום צור און צִידון איז אַ גרויסער עוֹלם צו אים געקומען, בּעת
9 זיי האָבּן געהערט וואָס ער האָט געטאָן. און ער האָט געזאָגט
צו זיינע תַּלמידים, מען זאָל אים אָנגרייטן אַ שיפֿל צוליבּ דעם
פֿאלק

10 פֿאָלק, כּדי מען זאָל אים ניט דריקן. וואָרים ער האָט געהיילט אַ
סך, און אַלע, וואָס האָבן געליטן, האָבן זיך געשפּאַרט צו אים,
11 כּדי אים אָנצורירן. און ווי נאָר די אומריינע גייסטער האָבן אים
דערזען, זענען זיי פּאַר אים אַנידערגעפֿאַלן, און האָבן געשריגן:
12 דו ביסט דער בֶּן־אֱלֹהִים! און ער האָט זיי שטרענג באַפֿוילן, אַז
13 זיי זאָלן אים ניט מְגַלֶה זיין. און ער איז אַרויפֿגעגאַנגען אויף
דעם באַרג, און האָט גערופֿן צו זיך וועמען ער האָט געוואָלט;
14 און זיי זענען צו אים געקומען. און ער האָט באַשטימט צוועלף,
אַז זיי זאָלן זיין מיט אים, כּדי זיי זאָלן אָנזאָגן די בְּשׂוֹרה וואו
15 ער וועט זיי שיקן, און זאָלן האָבן שְׁלִיטה אַרויסצוטרייַבן בייזע
16, 17 גייסטער. און שִׁמְעוֹנען האָט ער אַ נאָמען געגעבן כֵּיפָא, און
יַעקֹב בֶּן־זַבְדִי, און יוֹחָנָן, יַעקֹבס ברודער, האָט ער אַ נאָמען
18 געגעבן בְּנֵי־רֶגוֹש, וואָס מיינט, זין פֿון דונער. און אַנדרייַען,
און פֿיליפּוסן, און בַּר־תַּלְמַי, און מַתְּיָא, און תּוֹמָא; און יַעקֹב
19 בֶּן־חַלְפַי, און תַּדַי, און שִׁמְעוֹן דעם קַנָאִי, און יהודה אִישׁ־קְרִיוֹת,
20 וואָס האָט אים פֿאַרראַטן. און ער איז אַהיימגעקומען. און דאָס
פֿאָלק איז זיך ווידער צוזאַמענגעקומען, אַזוי, אַז זיי האָבן צומאָל
21 ניט געקאָנט עסן קיין ברויט. און ווען זיינע קְרוֹבים האָבן דאָס
געהערט, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען, כּדי אים צו כאַפּן, וואָרים
22 זיי האָבן געזאָגט: ער איז ניט ביי זיך. און די סוֹפְרים, וואָס
זענען אַראָפּגעקומען פֿון ירושָׁלַיִם, האָבן געזאָגט: בַּעַל־זְבוּב איז
אין אים, און, דורך דעם שַׂר פֿון די בייזע גייסטער טרייבט ער
23 אַרויס בייזע גייסטער. און ער האָט זיי גערופֿן צו זיך, און האָט
גערעדט צו זיי מיט מְשָׁלים: וויאַזוי קאָן דער שָׂטן אַרויסטרייַבן
24 דעם שָׂטן? און אויב אַ מְלוּכה איז צעטיילט קעגן זיך אַליין, קאָן
25 יענע מְלוּכה ניט האָבן קיין קִיוּם. און אויב אַ הויז איז צעטיילט
26 קעגן זיך אַליין, וועט דאָס דאָזיקע הויז ניט האָבן קיין קִיוּם; און
אויב שָׂטן שטייט אויף קעגן זיך אַליין, און איז צעטיילט, קאָן ער
27 ניט האָבן קיין קִיוּם, נייערט האָט אַ סוֹף. און קיינער קאָן ניט
אַרייַנקומען אין הויז אַרייַן פֿון דעם גִבּוֹר און רויבן זיינע זאַכן,
סיידן

סיידן ער בינדט קודם דעם גיבור, און ערשט דעמאָלט קאָן ער
28 באַרויבן זיין הויז. באֱמֶת, איך זאָג אייך: אַלע זינד וועט מען
מוחל זיין די מענטשנקינדער, און אויך די לעסטערונגען, מיט
29 וועלכע זיי וועלן לעסטערן. אָבער ווער סע וועט לעסטערן קעגן
דעם רוח־הַקודֶש, פֿאַר אים איז מער ניטאָ קיין מחִילה, ווייל ער
30 האָט זיך אויף אייביק פֿאַרזינדיקט; וואַרים זיי האָבן געזאָגט:
31 ער האָט אָן אומריינעם גייסט. און זיין מוטער און זיינע ברידער
זענען געקומען, און שטייענדיק אין דרויסן האָבן זיי אים געשיקט
32 רופֿן. און אַן עולם איז געזעסן אַרום אים; און מע האָט צו אים
געזאָגט: דיין מוטער און דיינע ברידער זענען אין דרויסן, און זוכן
33 דיך. האָט ער געענטפֿערט, און צו זיי געזאָגט: ווער איז מיין
34 מוטער און מיינע ברידער? און אַרומקוקנדיק זיך אויף די, וואָס
זענען אַרום אים געזעסן, האָט ער געזאָגט: אָט איז מיין מוטער
35 און מיינע ברידער׳ וואָרים ווער סע וועט טאָן דעם רָצון פֿון גאָט,
דער דאָזיקער איז מיין ברודער, און שוועסטער, און מוטער.

ד און ער האָט ווידער אָנגעהויבן צו לערנען ביים יַם. און סע
האָט זיך פֿאַרזאַמלט אַרום אים אַ גרויסער עולם, אַזוי, אַז ער
איז אַרייַנגעגאַנגען אין אַ שיף, און האָט זיך געזעצט אויפֿן יַם;
און דאָס גאַנצע פֿאָלק איז געשטאַנען אויף דער יַבָשה ביים
2 יַם. און ער האָט זיי געלערנט אַ סַך זאַכן דורך משָלים, און
3 האָט צו זיי געזאָגט אין זיין לערנונג: הערט און פֿאַרנעמט:
4 דער זייִער איז אַרויסגעגאַנגען זייִען; און בעת ער האָט געזייִט,
איז טייל זריעה געפֿאַלן ביים וועג, און די פֿייגל זענען געקומען
5 און האָבן זי פֿאַרצערט. און אַנדערע איז געפֿאַלן אויף פֿעלזיק
לאַנד, וואו זי האָט ניט געהאַט קיין סַך ערד; און זי האָט
תֵיכף אויפֿגעשפּראָצט, ווייל זי האָט ניט געהאַט קיין טיפֿקייט
6 פֿון ערד; און אַז די זון איז אויפֿגעגאַנגען, איז זי פֿאַרטריקנט
געוואָרן, און מַחמת זי האָט ניט געהאַט קיין וואָרצלען, איז זי
7 פֿאַרוועלקט געוואָרן. און אַנדערע איז געפֿאַלן צווישן דערנער,
און די דערנער זענען אויפֿגעוואַקסן און האָבן זי דערשטיקט, און
קיין

8 קיין תּבוּאה איז ניט אַרויסגעקומען. און אַנדערע איז געפאַלן
אויף גוטער ערד, און האָט אַרויסגעגעבן תּבוּאה, איז געוואַקסן
און האָט זיך פאַרמערט, און האָט אַרויסגעבראַכט דרייַסיקפאַך,
9 און זעכציקפאַך, און הונדערטפאַך. און ער האָט געזאָגט: דער,
10 וואָס האָט אויערן צו הערן, זאָל הערן. און בעת ער איז געווען
אַליין, האָבן די, וואָס זענען מיט אים געווען, צוזאַמען מית די
11 צוועלף, אים געפרעגט פונוועגן די משָלים. און ער האָט צו זיי
געזאָגט: אייך איז געגעבן געוואָרן צו פאַרשטיין דעם סוד פון
דעם מַלכות פון גאָט, אָבער פאַר די, וואָס זענען אין דרויסן,
12 איז אַלץ דורך משָלים, כּדי זען זאָלן זיי זען, און דאָך ניט זען;
און הערן זאָלן זיי הערן, און ניט פאַרשטיין; טאָמער וועלן זיי
13 זיך אומקערן, און סע וועט זיי פאַרגעבן ווערן. און ער האָט צו
זיי געזאָגט: אַזיב איר פאַרשטייט ניט דאָס דאָזיקע מָשל, טאָ
14 וויאַזוי וועט איר פאַרשטיין אַלע משָלים? דער זייִער טוט זייִען
15 דאָס וואָרט. און דאָס זענען די בּיים וועג, וואו דאָס וואָרט איז
פאַרזייִט געוואָרן; און בעת זיי הערן עס, קומט תּיכּף דער שָׂטן,
16 און נעמט צו דאָס וואָרט, וואָס איז אין זיי פאַרזייִט געוואָרן. און
אַזוי אויך די, וואָס זענען געזייִט אויף פעלזיק לאַנד, בעת זיי הערן
17 דאָס וואָרט, נעמען זיי עס תּיכּף אויף מיט שׂמחה; און אַזוי ווי
זיי האָבן ניט קיין וואָרצלען אין זיך, געווערן זיי נאָר אַ ווייַל;
דערנאָך, אַז סע קומען ליידן, אָדער רדיפות צוליב דעם וואָרט,
18 ווערן זיי תּיכּף געשטרויכלט. און דאָס, וואָס איז פאַרזייִט צווישן
19 דערנער, דאָס זענען די, וואָס האָבן געהערט דאָס וואָרט, נאָר די
דאגות פון דער וועלט, און די אָפּנאַרעריי פון עַשירות, און די
תַּאוות צו אַנדערע זאַכן קומען אַריין, און דערשטיקן דאָס וואָרט,
20 און עס בלייַבט אומפּרוכטבאַר. און דאָס, וואָס איז פאַרזייִט
געוואָרן אויף גוטער ערד, דאָס זענען די, וואָס הערן דאָס וואָרט,
און זענען עס מְקַבּל, און גיבן אַרויס תּבוּאה, דרייַסיקפאַך, און
21 זעכציקפאַך, און הונדערטפאַך. און ער האָט צו זיי געזאָגט:
בּרענגט מע דען אַריין אַ ליכט, כּדי עס צו שטעלן אונטער אַ
מעסטל

22 מעסטל, אָדער אונטערן בעט, און ניט אין אַ לײַכטער? וואָרים
עס איז גאָרניט פֿאַרהוילן, וואָס וועט ניט אַנטפּלעקט ווערן;
און עס איז גאָרניט פֿאַרבאָרגן, וואָס וועט ניט באַקאַנט ווערן.
23, 24 דער, וואָס האָט אויערן צו הערן, זאָל הערן. און ער האָט צו
זיי געזאָגט: פֿאַרנעמט וואָס איר הערט; מיט דער מאָס, וואָס
איר טוט מעסטן, וועט אייך געמאָסטן ווערן, און מע וועט אייך
25 נאָך עפּעס צולייגן. וואָרים דער, וואָס האָט, דעם וועט געגעבן
ווערן; און דער, וואָס האָט ניט פֿון אים וועט אַוועקגענומען ווערן
26 אַפֿילו דאָס, וואָס ער האָט. און ער האָט געזאָגט: דאָס מַלכות
פֿון גאָט איז געגליכן צו אַ מענטשן, וואָס טוט וואַרפֿן זריעה
27 אויף דער ערד, און ער גייט שלאָפֿן און אויפֿשטיין ביינאַכט
און בייטאָג, און די זריעה שפּראָצט אויס און וואַקסט אויף, אָן
28 זיין וויסן. וואָרים די ערד ברענגט אַרויס תּבֿואה פֿון זיך אַליין;
קודם דאָס בלעטל, דערנאָך די זאַנג, דערנאָך דעם פֿולן קערן
29 אין דער זאַנג. און ווען די תּבֿואה ווערט צייַטיק, נעמט ער
30 גלייך דאָס שניידמעסער, וואָרים געקומען איז די שניט־צייט. און
ער האָט געזאָגט: מיט וואָס זאָלן מיר פֿאַרגלייַכן דאָס מַלכות
פֿון גאָט? אָדער מיט וואָסער מָשל זאָלן מיר עס דערקלערן?
31 עס איז ווי זענעפֿט־זריעה, וואָס בשעת סע ווערט פֿאַרזייַט אין
32 דער ערד, איז עס די קלענסטע פֿון אַלע ערד־זריעות; אָבער
אַז עס איז שוין פֿאַרזייַט, וואַקסט עס אויס און ווערט גרעסער
פֿון אַלע קרייַטעכצער, און גיט אַרויס גרויסע צווייגן, אַזוי, אַז
33 די פֿייגל פֿון הימל קאָנען רוען אין זיין שאָטן. און מיט אַ סך
אַזוינע משלים האָט ער גערעדט צו זיי דאָס וואָרט, אויף ווי
34 ווייט זיי זענען געווען בּיכולת צו פֿאַרנעמען; און אָן אַ מָשל
האָט ער צו זיי ניט גערעדט; אָבער ווען ער איז געווען אַליין
35 מיט זיינע תּלמידים, האָט ער זיי אַלץ פֿאַרטייַטשט. אין יענעם
טאָג, בעת עס איז געוואָרן אָונט, האָט ער צו זיי געזאָגט:
36 לאָמיר אַריבערפֿאָרן אויף דער אַנדערער זייט. און אַז ער האָט
אָפּגעלאָזט דעם עולם, האָבן זיי אים מיטגענומען אין דער שיף,

אַזויווי ער איז געווען; און מיט אים זענען געווען נאָך אַנדערע
37 שיפֿן. און אַ גרויסער שטורעמווינט האָט זיך אויפֿגעהויבן, און די
כוואַליעס האָבן אָנגעשלאָגן אָן דער שיף, אַזוי, אַז די שיף האָט
38 גענומען ווערן פֿול. און ער איז געווען אין הינטערשטן טייל, און
איז געשלאָפֿן אויף דעם קישן; און זיי האָבן אים אויפֿגעוועקט,
און האָבן צו אים געזאָגט: רֶבּי, אַרט דיך ניט וואָס מיר גייען
39 אונטער? און ער איז אויפֿגעשטאַנען, און האָט אָנגעשריגן אויף
דעם ווינט, און געזאָגט צום יַם: שווייַג, זיי שטיל! און דער ווינט
40 האָט אויפֿגעהערט, און עס איז געוואָרן אַ גרויסע שטילקייט. און
ער האָט צו זיי געזאָגט: פֿאַרוואָס זענט איר אַזוי שרעקעוודיק?
41 האָט איר ניט קיין אֱמונה? און זיי האָבן שטאַרק מורא באַקומען,
און האָבן געזאָגט איינער צום אַנדערן: ווער אייגנטלעך איז ער,
וואָס אַפילו דער ווינט און דער יַם געהאָרכן אים?

ה און זיי זענען געקומען אויף דער אַנדערער זייט יַם, אין דעם לאַנד
2 פֿון די גַדרִיִים. און בעת ער איז אַרויסגעקומען פֿון דער שיף,
איז אים תּיכּף פֿון צווישן די קבָרים אַנטקעגנגעקומען אַ מענטש
3 מיט אַן אומריינעם גייסט, וואָס האָט געוואוינט צווישן די קבָרים;
און קיינער האָט אים מער ניט געקענט בינדן, ניט צומאָל מיט אַ
4 קייט; ווייל מע האָט אים אָפֿט געבונדן מיט אײַזנס און מיט קייטן,
אָבער ער האָט די קייטן פֿונאַנדערגעריסן, און די אײַזנס האָט ער
צעבראָכן אויף שטיקער; און קיינער איז ניט געווען בכּוח אים
5 צו צאַמען. און טאָג און נאַכט איז ער כּסדר געווען צווישן די
קבָרים און אויף די בערג, און האָט געשריגן און זיך געניזוקט
6 מיט שטיינער. און ווען ער האָט פֿון דערווייַטנס געזען יֵשוּעַן,
7 איז ער צוגעלאָפֿן און זיך געבוקט פֿאַר אים, און אויסשרייַענדיק
מיט אַ הויך קול, האָט ער געזאָגט: וואָס ווילסטו פֿון מיר, יֵשוּעַ,
דו בֶּן־אֵל עֶליון? איך באַשווער דיך בײַ גאָט, זאָלסט מיך ניט
8 פּייַניקן. וואָרים ער האָט צו אים געזאָגט: גיי אַרויס פֿון דעם
9 מענטשן, דו אומריינער גייסט! און ער האָט אים געפֿרעגט: וואָס
איז דייַן נאָמען? האָט ער צו אים געזאָגט: מייַן נאָמען איז מַחנה;

10 וואָרים מיר זענען אַ סך. און ער האָט אים שטאַרק געבעטן, אַז
11 ער זאָל זיי ניט אַרויסשיקן פֿון דעם לאַנד. און דאָרטן בײַם באַרג
12 האָט זיך געפּאַשעט אַ גרויסע סטאַדע חזירים; און זיי האָבן אים
געבעטן: שיק אונדז צו די חזירים, כּדי מיר זאָלן אין זיי אַרײַן.
13 און ער האָט זיי געגעבן דערלויבעניש. און די אומריינע גייסטער
זענען אַרויס, און זענען אַרײַן אין די חזירים; און די סטאַדע, אַן
ערך פֿון צוויי טויזנט, האָט זיך אַראָפּגעלאָזט פֿון דעם שיפּוע
14 אין ים אַרײַן, און זענען דערטרונקען געוואָרן אין דעם ים. און
די פּאַסטעכער זענען געלאָפֿן און האָבן עס דערציילט אין דער
שטאָט און אין דאָרף. און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען זען וואָס דאָ
15 איז געשען. און זיי זענען געקומען צו ישוען, און האָבן געזען
דעם באַזעסענעם זיצן דאָרט, אָנגעטאָן און בײַם קלאָרן שׂכל,
טאַקע דער, וואָס האָט געהאַט די מחנה; און זיי האָבן מורא
16 באַקומען און די, וואָס האָבן עס געזען, האָבן דערציילט וואָס עס
17 איז געשען מיט דעם באַזעסענעם, און מיט די חזירים. און זיי
18 האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל פֿאַרלאָזן זייערע גרעניצן. און
בעת ער איז אַרײַנגעגאַנגען אין דער שיף, האָט אים דער, וואָס
19 איז געווען באַזעסן, געבעטן, אַז ער זאָל מעגן זײַן מיט אים. און
ער האָט אים ניט געלאָזט, נייערט האָט צו אים געזאָגט: גיי
אַהיים צו דײַנע פֿרײַנט, און דערצייל זיי, וואָס גאָט האָט מיט דיר
20 געטאָן, און ווי ער האָט זיך דערבאַרעמט איבער דיר. און ער איז
אַרויסגעגאַנגען, און האָט גענומען פֿאַרשפּרייטן אין דעקאַפּאָליס
אַלץ, וואָס ישוע האָט פֿאַר אים געטאָן; און זיי האָבן זיך אַלע
21 געחידושט. און בעת ישוע האָט זיך ווידער אַריבערגעשיפֿט
אויף דער אַנדערער זײַט, האָט זיך צו אים פֿאַרזאַמלט אַ סך
22 פֿאָלק; און ער איז געווען בײַם ים. און איינער פֿון די גבאָים
פֿון דער שול, וואָס האָט געהייסן יאִיר, איז צו אים געקומען.
23 און אַז ער האָט אים געזען, איז ער געפֿאַלן צו זײַנע פֿיס, און
ער האָט אים שטאַרק געבעטן, און געזאָגט: מײַן טעכטערל
האַלט בײַם שטאַרבן; קום, און לייג אַרויף דײַנע הענט אויף איר,

כּדי

24 כּדי זי זאָל געראַטעוועט ווערן, און לעבן. און ער איז מיט אים
געגאַנגען; און אַ גרויסער עולם איז אים נאָכגעגאַנגען, און האָט
25 אים געדרענגט. און אַ פרוי, וואָס האָט צוועלף יאָר געהאַט אַ
26 בלוטפלוס, און וואָס האָט זיך פיל אַנגעליטן פון אַ סך רופאים,
און האָט אויסגעגעבן אַלץ וואָס זי האָט פאַרמאָגט, און האָט זיך
דאָך ניט געבעסערט, נייערט עס איז איר נאָך ערגער געוואָרן;
27 בעת זי האָט געהערט פונוועגן יֵשוּעַן, איז זי געקומען צווישן דעם
28 פאָלק פון הינטן, און האָט אָנגערירט זיין מַלבוש. וואָרים זי
האָט געזאָגט: אויב איך וועל נאָר אָנרירן זיינע מַלבושים, וועל
29 איך געהאָלפן ווערן. און תֵּיכף איז דער קוואַל פון איר בלות
פאַרטריקנט געוואָרן; און זי האָט דערפילט אין איר לייַב, אַז
30 זי איז געהיילט געוואָרן פון איר פּלאָג. און באותו־רֶגע האָט
יֵשוּעַ דערפילט אין זיך, אַז גבורה איז פון אים אַרויסגעגאַנגען,
און ער האָט זיך אויסגעדרייט צווישן דעם פאָלק, און געזאָגט:
31 ווער האָט באַרירט מיינע מַלבושים? און זיינע תַּלמידים האָבן
צו אים געזאָגט: דו זעסט ווי דאָס פאָלק דריקט דיך, זאָגסטו
32 גאָר: ווער האָט מיך באַרירט? און ער האָט זיך אַרומגעקוקט,
33 כּדי צו זען ווער סע האָט דאָס געטאָן. אָבער די פרוי האָט
מורא באַקומען און האָט געציטערט, מַחמת זי האָט געוואוסט
וואָס סע איז מיט איר געשען, און זי האָט גענעענט און איז פאַר
אים אַנידערגעפאַלן, און האָט אים דערציילט דעם גאַנצן אֶמת.
34 און ער האָט צו איר געזאָגט: טאָכטער, דיין אֶמונה האָט דיר
35 געהאָלפן; גיי בשָלום, און ווער געהיילט פון דיין פּלאָג. און
בשַעת ער האָט נאָך גערעדט, איז מען געקומען פון דעם גַבאי
פון דער שול, און געזאָגט: דיין טאָכטער איז געשטאָרבן; צו
36 וואָס ביסטו נאָך מַטריחַ דעם רֶבין? און אַז יֵשוּעַ האָט געהערט,
וואָס זיי האָבן געזאָגט, האָט ער זיך אָפּגערופן צום גַבאי פון
37 דער שול: האָב ניט קיין מורא; האָב נאָר בטָחון׳ און ער
האָט קיינעם ניט געלאָזט מיטגיין, אַחוץ כֵּיפָאן, יַעקֹבן, און יוחָנָן,
38 יַעקֹבֿס ברודער. און ווי זיי זענען צוגעקומען צום הויז פון דעם
גבאי

גַבאי פֿון דער שול, האָט ער געזען די מהומה, און די פֿיל ווײנער
39 און קלאָגער. און ער איז אַרײַנגעגאַנגען, און האָט צו זײ געזאָגט:
וואָס ליאַרעמט איר און ווײנט? דאָס קינד איז ניט געשטאָרבן,
40 נײערט טוט שלאָפֿן. און זײ האָבן אים גוט אויסגעלאַכט. און
ער האָט זײ אַלעמען אַרויסגעטריבן, און האָט גענומען מיט זיך
דעם פֿאָטער און די מוטער און די, וואָס זענען געווען מיט אים
41 און איז אַרײַנגעגאַנגען וואו דאָס קינד איז געווען. און ער האָט
אָנגענומען דאָס קינד בײַ דער האַנט, און האָט צו איר געזאָגט:
42 טַליתָא קומי; וואָס איז טײַטש: מײדל, שטײ אויף. און דאָס
מײדל איז תּיכּף אויפֿגעשטאַנען, און האָט גענומען גײן; און זי איז
אַלט געווען צוועלף יאָר. און זײ זענען פֿאַרחידושט געוואָרן מיט
43 אַ גרויס חידוש. און ער האָט זײ שטרענג באַפֿוילן, אַז קײנער
זאָל ניט וויסן דערפֿון; און ער האָט געהייסן, מע זאָל איר געבן
עפּעס צו עסן.
ו און ער איז אַוועקגעגאַנגען פֿון דאָרטן, און איז געקומען אין זײַן
אײגן לאַנד אַרײַן; און זײַנע תּלמידים זענען אים נאָכגעגאַנגען.
2 און שבת האָט ער אָנגעהויבן צו לערנען אין דער שול, און אַ
סך וואָס האָבן אים געהערט, האָבן זיך געחידושט, און געזאָגט:
פֿונוואַנען נעמט זיך דאָס צו אים? און וואָס איז דאָס פֿאַר אַ
חכמה, וואָס איז אים געגעבן געוואָרן, אַז אַזעלכע וואונדער
3 זאָלן געשען דורך זײַנע הענט? איז דאָס ניט דער סטאָליער,
דער זון פֿון מרים, און דער ברודער פֿון יעקב, און יוסי, און
יהודה, און שמעון? און זענען ניט זײַנע שוועסטער דאָ מיט
4 אונדז? און זײ זענען געשטרויכלט געוואָרן אין אים. און ישוע
האָט צו זײ געזאָגט: אַ נביא איז ניט אָן כּבוד, סײדן אין זײַן
אײגן לאַנד, און צווישן זײַנע קרובים, און אין זײַן אײגן הויז.
5 און ער האָט דאָרט ניט געקאָנט טאָן קײן וואונדער, אַחוץ וואָס
ער האָט אַרויפֿגעלײגט זײַנע הענט אויף עטלעכע קראַנקע, און
6 האָט זײ געהײלט. און ער האָט זיך געחידושט איבער זײער
אומגלויבן. און ער איז אַרומגעגאַנגען אין די דערפֿער און האָט

7 געלערנט. און ער האָט גערופֿן צו זיך די צוועלף, און האָט זיי
גענומען אַרויסשיקן זאַלבעצווייט, און האָט זיי געגעבן שליטה
8 איבער אומריינע גייסטער; און ער האָט זיי געבאָטן, אַז זיי
זאָלן גאָרניט מיטנעמען אויפֿן וועג, אַחוץ אַ שטעקן; ניט קיין
9 ברויט, ניט קיין רייזעזאַק, ניט קיין געלט אין גאַרטל; נייערט
צו טראָגן סאַנדאַלן, און ניט צו גיין אָנגעטאָן אין צוויי רעק.
10 און ער האָט צו זיי געזאָגט: אין וואָס פֿאַר אַ הויז איר וועט
11 אַרייַנקומען, דאָרט פֿאַרבלייַבט, ביז איר גייט ווייטער. און דאָס
אָרט, וואָס וועט אייך ניט אויפֿנעמען, און זיך ניט צוהערן צו אייך,
זאָלט איר פֿון דאָרטן אַרויסגיין און אָפּטרייסלען דעם שטויב פֿון
12 אייערע פֿיס, פֿאַר אַן עדות צו זיי. און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען
13 און האָבן גערופֿן צו תּשובה; און האָבן אַרויסגעטריבן אַ סך
בייזע גייסטער, און געזאַלבט אַ סך קראַנקע מיט אייל, און זיי
14 געהיילט. און דער מלך הורדוס האָט דערפֿון געהערט, ווייל זיין
שם איז געוואָרן באַקאַנט. און ער האָט געזאָגט: יוחנן המטביל
איז אויפֿגעשטאַנען תּחית־המתים, און דעריבער אַרבעטן אין
15 אים די דאָזיקע כּוחות. אָבער אַנדערע האָבן געזאָגט: עס איז
אליהו. און ווידער אַנדערע האָבן געזאָגט: סאאיז אַ נביא,
16 פּונקט ווי איינער פֿון די נביאים. און אַז הורדוס האָט עס
געהערט, האָט ער געזאָגט: יוחנן, וועמען איך האָב געקעפּט, איז
17 אויפֿגעשטאַנען. וואָרים הורדוס האָט געשיקט און געלאָזט כאַפּן
יוחנן, און האָט אים געבונדן אין דער תּפֿיסה צוליב הורודיה,
דאָס ווייב פֿון זיין ברודער פֿיליפּוס, ווייל ער האָט מיט איר
18 חתונה געהאַט. וואָרים יוחנן האָט געזאָגט צו הורדוסן: עס איז
19 דיר ניט דערלויבט צו האָבן דיין ברודערס ווייב. און הורודיה
האָט אים פֿיינט באַקומען, און אים געוואָלט טייטן, אָבער זי האָט
20 עס ניט געקענט טאָן. וואָרים הורדוס האָט מורא געהאַט פֿאַר
יוחנן, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ער איז אַ צדיק און אַ הייליקער
מאַן, און ער האָט אים אָפּגעהיט. און בעת ער פֿלעגט אים הערן,
איז ער שטאַרק צעמישט געוואָרן; פֿונדעסטוועגן האָט ער אים

גערן

21 גערן געהערט. און אַז עס איז געקומען אַ פּאַסיקער טאָג, בעת
הורדוס האָט צו זיין געבוירנטאָג געמאַכט אַ סעודה פאַר זיינע
22 האַרן, און קריגפירער, און די חשובסטע מענטשן פון גליל, איז
הורודיָהס טאָכטער אַריינגעקומען און האָט געטאַנצט, און זי איז
הורדוסן געפעלן געוואָרן, און אויך זיינע געסט. און דער מלך
האָט געזאָגט צום מיידל: פאַרלאַנג פון מיר, וואָס דו ווילסט, און
23 איך וועל עס דיר געבן. און ער האָט איר געשוואוירן: וואָס נאָר
דו וועסט פון מיר פאַרלאַנגען, וועל איך דיר געבן, ביז אַ האַלב
24 פון מיין מלוכה. און זי איז אַרויסגעגאַנגען, און האָט געזאָגט צו
איר מוטער: וואָס זאָל איך פאַרלאַנגען? האָט זי געזאָגט: דעם
25 קאָפּ פון יוחנן המטביל. און זי איז תיכף אַריינגעגאַנגען צום
מלך, און האָט געזאָגט: איך פאַרלאַנג, דו זאָלסט מיר גלייך
26 געבן אויף אַ שיסל דעם קאָפּ פון יוחנן המטביל. און דער מלך
האָט זיך שטאַרק מצער געווען, אָבער צוליב די שבועות און
27 די געסט, האָט ער איר ניט געוואָלט אָפּזאָגן. און דער מלך
האָט תיכף געשיקט אַ לייב־וועכטער, און האָט אים באַפוילן צו
ברענגען זיין קאָפּ; און ער איז געגאַנגען און האָט אים געקעפּט
28 אין דער תּפיסה, און געבראַכט זיין קאָפּ אויף אַ שיסל און האָט
אים געגעבן דעם מיידל, און דאָס מיידל האָט אים געגעבן צו
29 איר מוטער. און אַז זיינע תּלמידים האָבן דאָס געהערט, זענען זיי
געקומען און האָבן גענומען זיין גוף, און האָבן אים אַריינגעלייגט
30 אין אַ קבר. און די שליחים האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי ישוען, און
האָבן אים דערציילט אַלצדינג, וואָס זיי האָבן געטאָן, און וואָס זיי
31 האָבן געלערנט. און ער האָט צו זיי געזאָגט: קומט און ציט אייך
צוריק אין אַ וויסט אָרט, און רוט אייך אויס אַביסל. וואָרים אַ סך
האָבן געהאַלטן אין קומען און גיין, אַזוי, אַז זיי האָבן צומאָל ניט
32 געהאַט קיין צייט צו עסן. און זיי האָבן זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ
33 שיף איז אַ וויסט אָרט אַליין. און מען האָט זיי געזען אַוועקגיין,
און אַ סך האָבן זיי דערקענט, און זיי זענען זיך צונויפגעלאָפן
צופוס פון אַלע שטעט, און זענען דאָרטן אָנגעקומען פריער פאַר

זיי

34 זיי. און בעת ער איז אַרויסגעקומען און געזען דעם גרויסן עולם,
האָט אים אָנגענומען אַ רחמנות אויף זיי, ווייל זיי זענען געווען ווי
35 שאָף אָן אַ פּאַסטעך; און ער האָט מיט זיי אַ סך געלערנט. און
אַזוי ווי סע איז שוין געוואָרן שפּעט, זענען צו אים געקומען זיינע
תּלמידים, און האָבן געזאָגט: דאָס אָרט איז וויסט, און עס איז
36 שוין שפּעט; לאָז זיי אָפּ כּדי זיי זאָלן קענען גיין אין די אַרומיקע
37 דערפער און מקומות, און זיך קויפן עפּעס צו עסן. אָבער ער
האָט געענטפערט, און צו זיי געזאָגט: גיט איר זיי צו עסן.
האָבן זיי צו אים געזאָגט: זאָלן מיר גיין קויפן ברויט פאַר צוויי
38 הונדערט דינרים, און זיי געבן צו עסן? אָבער ער האָט צו זיי
געזאָגט: וויפל ברויט האָט איר? נו, גייט און זעט. און אַז זיי
זענען עס דערגאַנגען, האָבן זיי געזאָגט: פינף, און צוויי פיש.
39 און ער האָט זיי אַלע געהייסן זיך אַנידערזעצן כּיתותווייז אויפן
40 גרינעם גראָז. און זיי האָבן זיך אַנידערגעזעצט אין שורות, צו
41 הונדערט, און צו פופציק. און ער האָט גענומען די פינף ברויט
און די צוויי פיש, און האָט אויפגעהויבן זיינע אויגן צום הימל
און האָט אַ ברכה געמאַכט, און ער האָט אָפּגעבראָכן פון דעם
ברויט און עס דערלאַנגט די תּלמידים, צו גרייטן פאַר זיי; און
42 אויך די צוויי פיש האָט ער צעטיילט צווישן זיי. און זיי האָבן
43 אַלע געגעסן צו דער זאַט, און זיי האָבן צונויפגענומען פון די
איבערגעבליבענע ברעקלעך, צוועלף פולע קערב, און אויך פון
44 די פיש. און די, וואָס האָבן געגעסן פון דעם ברויט, זענען געווען
45 פינף טויזנט מאַן. און ער האָט תּיכּף גענייט זיינע תּלמידים
אַריינצוגיין אין דער שיף, און אַריבערצופאָרן פריער פאַר אים
אויף דער אַנדערער זייט, קיין בית־צידה, ביז ער וועט אָפּלאָזן
46 דאָס פאָלק. און נאָכדעם ווי ער האָט זיך מיט זיי אָפּגעזעגנט,
47 איז ער אַרויפגעגאַנגען אויפן באַרג מתפּלל צו זיין. און אַז
סע איז געוואָרן אָוונט, איז די שיף געווען אין מיטן ים, און ער
48 גופא אויף דער יבשה. און זעענדיק ווי זיי מאַטערן זיך ביים
רודערן — וואָרים דער ווינט איז געווען אַנטקעגן זיי — איז ער

צו

צו זיי געקומען אַרום דער פערטער נאַכטוואַך, גייענדיק אויפן
49 ים. און ער האָט זיי געוואָלט פאַרבײַגיין, און ווי זיי האָבן אים
געזען גיין אויפן ים, האָבן זיי געמיינט, אַז דאָס איז אַ גייסט, און
50 האָבן זיך צעשריגן; וואָרים זיי האָבן אים אַלע געזען, און האָבן
זיך דערשראָקן. און תּיכּף האָט ער גערעדט מיט זיי, און צו זיי
51 געזאָגט: זייט געטרייסט, דאָס בין איך; האָט ניט קיין מורא. און
ער איז צו זיי אין דער שיף אַרײַנגעגאַנגען, און דער ווינט האָט
52 אויפגעהערט. און זיי האָבן זיך שטאַרק געחידושט; וואָרים זיי
האָבן ניט פאַרשטאַנען בנוגע דעם ברויט, מחמת זייער האַרץ
53 איז געווען פאַרהאַרטעוועט. און בעת זיי זענען אַריבערגעפאָרן,
זענען זיי געקומען צום לאַנד גניסר, און האָבן זיך דערנענטערט
54 צום ברעג. און אַז זיי זענען אַרויס־געקומען פון דער שיף, האָט
55 מען אים תּיכּף דערקענט, און זיי זענען אַרומגעלאָפן אין דער
גאַנצער געגנט, און האָבן גענומען ברענגען די קראַנקע אויף
זייערע געלעגערס, וואוהין זיי האָבן געהערט, אַז ער געפינט זיך.
56 און אומעטום וואו ער איז געקומען, אין די דערפער, שטעט אָדער
מקומות, האָט מען די קראַנקע אַוועקגעלייגט אויפן מאַרק, און
אים געבעטן, צו מעגן כאָטש אָנרירן די כּנפות פון זיין בגד. און
אַלע, וואָס האָבן אים אָנגערירט, זענען געהאָלפן געוואָרן.
ז און סע האָבן זיך בײַ אים פאַרזאַמלט די פּרושים, און עטלעכע
2 פון די סופרים, וואָס זענען געקומען פון ירושלים, און זיי האַבן
געזען, אַז עטלעכע פון זיינע תּלמידים עסן ברויט מיט טמא, דאָס
3 הייסט, מיט אומגעוואַשענע הענט. (וואָרים די פּרושים, און אַלע
ייִדן עסן ניט, סיידן זיי וואַשן זיך די הענט, וואָרים זיי האַלטן די
4 מסורה פון די זקנים; און ווען זיי קומען פון מאַרקפּלאַץ, עסן זיי
ניט, כּל־זמן זיי וואַשן זיך ניט; און אַ סך אַנדערע זאַכן האָבן
זיי איבערגענומען מקיים צו זיין: דאָס טובלען פון בעכערס,
5 און טעפּ, און קופּערנע כּלים.) און די פּרושים און די סופרים
האָבן אים געפרעגט: פאַרוואָס זענען זיך דיינע תּלמידים ניט
נוהג לויט דער מסורה פון די זקנים, נייערט זיי עסן ברויט מיט
טמא

6 טָמא הענט? און ער האָט צו זיי געזאָגט: גוט האָט ישַעיָה
אויף אייך חונפים נבִיאות געזאָגט, ווי סע שטייט געשריבן: דאָס
דאָזיקע פאָלק גיט מיר אָף כָּבוד מיט זיינע ליפּן, אָבער זיין
7 האַרץ איז ווייט פון מיר. און אומזיסט טוען זיי מיך דינען, מיט
8 לערנען איַינגעחַזרטע מִצוות פון מענטשן. איר פאַרלאָזט דאָס
געבאָט פון גאָט, און האַלט זיך ביי דער מסורה פון מענטשן.
9 און ער האָט צו זיי געזאָגט: אַיי האָט איר מבַטל געווען גאָטס
10 געבאָט, זיך צו קענען האַלטן ביי אייער מסורה׳ ווארים משה
האָט געזאָגט: גיב אָף כָּבוד דיין פאָטער און דיין מוטער; און
דער, וואָס שעלט פאָטער, אָדער מוטער, זאָל טייטן געטייט
11 ווערן; אָבער איר זאָגט: אויב איינער וועט זאָגן צו זיין פאָטער,
אָדער מוטער: אַ קָרבּן איז דאָס, וואָס דו וואָלטסט געקענט
הַנָאה האָבן פון מיר, דאָס הייסט, עס איז אַ נֶדר צו גאָט;
12 דעמאָלט לאָזט איר אים שוין מער גאָרניט טאָן פאַר זיין פאָטער,
13 אָדער מוטער; און דערמיט מאַכט איר בָטל גאָטס וואָרט צוליב
אייער אָנגענומענער מסורה. און אַזוי אַשטייגער זענט איר
14 זיך פיל מאָל נוהג. און ער האָט צו זיך ווידער גערופן דאָס
פאָלק, און האָט צו זיי געזאָגט: הערט מיך אויס, איר אַלע,
15 און פאַרשטייט: ניט דאָס, וואָס קומט אַריין אין אַ מענטשן פון
דרויסן, קאָן אים מטַמא זיין; נייערט דאָס, וואָס קומט אַרויס
16 פון אים, אָט דאָס איז מטַמא דעם מענטשן. דער, וואָס האָט
17 אויערן צו הערן, זאָל הערן. און בשַעת ער האָט פאַרלאָזט
דאָס פאָלק, און איז אַרײַנגעגאַנגען אין הויז אַריין, האָבן זיינע
18 תַלמידים אים געפרעגט וועגן דעם מָשל. און ער האָט צו זיי
געזאָגט: זענט איר אויך אָן שֵׂכל? פאַרשטייט איר ניט, אַז
אַלץ, וואָס קומט אַריין אין דעם מענטשן פון דרויסן, קאָן אים ניט
19 מטַמא זיין? ווארים סע גייט ניט אין זיין האַרץ אַריין, נייערט אין
מאָגן, און פון דאָרטן אין בֵית־הַכִּיסא אַריין. (אָט אַזוי האָט ער
20 אַלע שפייזן ריין געמאַכט.) און ער האָט געזאָגט: דאָס, וואָס
קומט אַרויס פון דעם מענטשן, דאָס איז מטַמא דעם מענטשן.

ווארים

21 וואָרים פֿון אינעווייניק, פֿון דעם מענטשנס האַרץ, קוּמען אַרויס
22 בייזע מַחשָבות, זנות, גנֵבה, רציחה, ניאוף, זשעדנעקייט, רִשעות,
23 באַטרוג, תאווה, עַיִן־הָרע, לעסטערונג, גאווה, שטות. אָט דאָס
גאַנצע שלעכטס קומט אַרויס פֿון אינעווייניק, און איז מטַמא
24 דעם מענטשן. און ער איז אויפֿגעשטאַנען פֿון דאָרטן און איז
אַוועקגעגאַנגען אין די קאַנטן פֿון צור און צִידון. און ער איז
אַרייַנגעגאַנגען אין אַ הויז, און האָט ניט געוואָלט, סאָזאָל ווער
וויסן פֿון דעם; אָבער ער האָט ניט געקאָנט בלייבן פֿאַרבאָרגן.
25 וואָרים תּיכף האָט אַ פֿרוי, וועמעס טעכטערל האָט געהאַט אַן
אומרייִנעם גייסט, געהערט וועגן אים, און זי איז געקומען און איז
26 אים געפֿאַלן צו די פֿיס. און די פֿרוי איז געווען אַ יְוָנית, פֿון
סִיריש־פֿעניקישן אָפּשטאַם. און זי האָט אים געבעטן, אַז ער
27 זאָל אַרויסטרייַבן דעם בייזן גייסט פֿון איר טאָכטער. און ער
האָט צו איר געזאָגט: זאָלן קודם די קינדער זאַט ווערן, וואָרים
עס איז ניט רעכט צו נעמען דאָס ברויט פֿון די קינדער, און עס
28 וואַרפֿן פֿאַר די הינט. אָבער זי האָט אים געענטפֿערט: יאָ, האַר;
אויך די הינט אונטערן טיש עסן די ברעקלעך פֿון די קינדער.
29 און ער האָט צו איר געזאָגט: צוליב דעם דאָזיקן וואָרט, גיי
30 דייַן וועג; דער בייזער גייסט איז אַרויס פֿון דייַן טאָכטער. און
זי איז אַהיימגעגאַנגען, און האָט דאָס קינד געפֿונען ליגן אויפֿן
בעט, און דער בייזער גייסט איז פֿון איר געווען אַרויסגעגאַנגען.
31 און ער איז ווידער אַרויסגעגאַנגען פֿון די געמאַרקן פֿון צור, און
איז געגאַנגען דורך צִידון צום יַם פֿון גָליל, דורך די געמאַרקן
32 פֿון דעקאַפּאָליס. און מען האָט צו אים געבראַכט אַ טויבן,
וואָס האָט געשטאַמלט; און זיי האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל
33 אַרויפֿלייגן אויף אים זייַן האַנט. און ער האָט אים אַוועקגענומען
אָן אַ זייט פֿון דעם פֿאָלק, און האָט אַרייַנגעלייגט זייַנע פֿינגער
אין זייַנע אויערן, און האָט אַ שפּיי געטאָן און אָנגערירט זייַן צונג;
34 און אויפֿהייבנדיק זייַנע אויגן צום הימל, האָט ער אַ זיפֿץ געטאָן,
און צו אים געזאָגט: אֶפּתַח, וואָס איז טייַטש: עפֿן דיך אויף!
און

35 און זיינע אויערן האָבן זיך געעפֿנט, און דער באַנד פֿון זיין צונג
36 איז געוואָרן לויז, און ער האָט גערעדט גלאַט. און ער האָט
זיי באַפֿוילן, אַז זיי זאָלן עס קיינעם ניט דערציילן; אָבער וואָס
מער ער האָט זיי פֿאַרווערט, אַלץ מער האָבן זיי עס באַקאַנט
37 געמאַכט. און זיי האָבן זיך שטאַרק געחידושט, און געזאָגט:
אַלצדינג האָט ער גוט געטאָן; ער מאַכט אַפֿילו די טויבע הערן,
און די שטומע רעדן.
ח און יענע טעג, בעת סע האָט זיך ווידער פֿאַרזאַמלט אַ גרויסער
עולם, און זיי האָבן ניט געהאַט וואָס צו עסן, האָט ער גערופֿן
2 צו זיך זיינע תּלמידים, און האָט צו זיי געזאָגט: עס איז מיר אַ
רחמנות אויפֿן פֿאָלק, וואָרים זיי זענען מיט מיר שוין דריי טעג,
3 און האָבן ניט וואָס צו עסן. און אויב איך זאָל זיי אַהיימשיקן
אומגעגעסן, וועלן זיי נאָך חלשן אויפֿן וועג; און טייל פֿון זיי
4 קומען אויך פֿון ווייט. און זיינע תּלמידים האָבן אים געענטפֿערט:
פֿון וואַנען קאָן מען זיי דאָ אין דער מדבר זעטיקן מיט ברויט?
5 האָט ער זיי געפֿרעגט: וויפֿל לאַבן ברויט האָט איר? האָבן זיי
6 געזאָגט: זיבן. און ער האָט געהייסן דעם עולם זיך אַנידערזעצן
אויף דער ערד; און ער האָט גענומען די זיבן ברויט און האָט אַ
ברכה געמאַכט, און ער האָט זיי איבערגעבראָכן, און געגעבן
זיינע תּלמידים, צו גרייטן פֿאַר זיי. און זיי האָבן עס דערלאַנגט
7 דעם עולם. און זיי האָבן אויך געהאַט עטלעכע קליינע פֿישלעך;
און נאָכדעם ווי ער האָט איבער זיי אַ ברכה געמאַכט, האָט ער
8 געהייסן, מע זאָל אויך זיי דערלאַנגען. און זיי האָבן געגעסן,
און זענען זאַט געוואָרן; און זיי האָבן צונויפֿגעקליבן פֿון די
9 איבערגעבליבענע ברעקלעך, זיבן קערב. און זיי זענען געווען אַן
ערך פֿון פֿיר טויזנט מענטשן. און ער האָט זיי אַוועקגעשיקט;
10 און תּיכּף איז ער אַריין אין אַ שיף מיט זיינע תּלמידים, און
11 איז אָנגעקומען אין די קאַנטן פֿון דלמנותא. און די פּרושים
זענען אַרויסגעקומען, און האָבן אָנגעהויבן מיט אים אַ וויכּוח, און
12 פֿאַרלאַנגט פֿון אים אַ צייכן פֿון הימל, כּדי אים צו פּרוּוון. און
ער

ער האָט טיף אָפּגעזיפֿצט אין זיין געמיט, און געזאָגט: פֿאַרוואָס
זוכט דער דאָזיקער דור אַ צייכן? באמת, איך זאָג אייך, דעם
13 דאָזיקן דור וועט ניט געגעבן ווערן קיין שום צייכן. און ער
האָט זיי פֿאַרלאָזט, און איז ווידער אַריינגעגאַנגען אין דער שיף,
14 און איז אַריבערגעפֿאָרן אויף דער אַנדערער זייט. און זיי האָבן
פֿאַרגעסן מיטצונעמען ברויט, און האָבן ניט געהאַט מער ווי איין
15 ברויט אין דער שיף. און ער האָט זיי געוואָרנט: גיט אַכטונג,
און היט אייך פֿאַר דעם זויערטייג פֿון די פּרושים און פֿאַר דעם
16 זויערטייג פֿון הורדוסן. און זיי האָבן זיך געאַמפּערט איינער מיטן
17 אַנדערן, און געזאָגט: מיר האָבן ניט קיין ברויט. און יֵשוּעַ
האָט עס באַמערקט, און צו זיי געזאָגט: וואָס אַמפּערט איר
אייך, וואָס איר האָט ניט קיין ברויט? צי קאָנט איר נאָך אַלץ
ניט מערקן און פֿאַרשטיין? איז אייער האַרץ פֿאַרהאַרטעוועט?
18 איר האָט אויגן און זעט ניט, און איר האָט אויערן, און הערט
19 ניט? און געדענקט איר ניט, בעת איך האָב צעבראָכן די פֿינף
ברויט פֿאַר די פֿינף טויזנט, וויפֿל פֿולע קערב מיט ברעקלעך
20 האָט איר צונויפֿגעקליבן? זאָגן זיי צו אים: צוועלף. און בעת
איך האָב צעבראָכן די זיבן פֿאַר די פֿיר טויזנט, וויפֿל פֿולע
קערב מיט ברעקלעך האָט איר צונויפֿגעקליבן? זאָגן זיי צו אים:
21 זיבן. האָט ער צו זיי געזאָגט: טאָ פֿאַרוואָס פֿאַרשטייט איר
22 ניט? און זיי זענען געקומען קיין בֵּית־צַיְדָה. און מען האָט צו אים
געבראַכט אַ בלינדן, און אים געבעטן, אַז ער זאָל אים אָנרירן.
23 און ער האָט אָנגענומען דעם בלינדן ביי דער האַנט, און האָט
אים אַרויסגעפֿירט פֿון דאָרף; און אַז ער האָט אַ שפּיי געטאָן
אויף זיינע אויגן, האָט ער אַרויפֿגעלייגט זיינע הענט אויף אים,
24 און אים געפֿרעגט: זעסטו עפּעס? און ער האָט אַ קוק געגעבן,
און געזאָגט: איך זע מענטשן, ווי ביימער זע איך זיי אַרומגיין.
25 דערנאָך האָט ער ווידער אַרויפֿגעלייגט די הענט אויף זיינע
אויגן; און ער האָט שאַרף געקוקט, און איז געהיילט געוואָרן,
26 און האָט אַלץ געזען קלאָר. און ער האָט אים אַהיימגעשיקט,
און

27 און געזאָגט: גיי אַפּילו אין דאָרף ניט אַריין. און יֵשוּעַ איז
אַרויסגעגאַנגען מיט זיינע תּלמידים אין די דערפער פון קֵיסַריה
פון פיליפּוס; און אויפן וועג האָט ער געפרעגט זיינט תּלמידים:
28 ווער, זאָגן די מענטשן, בין איך? האָבן זיי אים געענטפערט: יוֹחָנָן
הַמַטבּיל; און אַנדערן, אֵליָהוּ; און אַנדערע ווידער, איינער פון די
29 נביאים. האָט ער זיי געפרעגט: איר אָבער, ווער זאָגט איר, בין
איך? און פּעטרוס האָט געענטפערט, און צו אים געזאָגט: דו
30 ביסט דער מָשיחַ. און ער האָט זיי אָנגעזאָגט, אַז זיי זאָלן קיינעם
31 ניט דערציילן וועגן אים. און ער האָט מיט זיי אָנגעהויבן צו
לערנען, אַז דער בֶּן־אָדָם מוז ליידן אַ סך, און פאַרוואָרפן ווערן
פון די זקֵנים, און די ראָשי־כֹּהֲנים, און די סופרים, און געטייט
32 ווערן, און נאָך דריי טעג וועט ער ווידער אויפשטיין. און ער האָט
דערפון אָפן גערעדט. און פּעטרוס האָט אים גענומען, און האָט
33 אים אָנגעהויבן צו מוסרן. אָבער ער האָט זיך אויסגעדרייט, און
קוקנדיק אויף זיינע תּלמידים, האָט ער אויסגעמוסרט פּעטרוסן,
און געזאָגט: קער אָפּ פון מיר שָׂטָן! וואָרים דיך אַרט ניט, וואָס
34 איז שַייך גאָט, נייערט וואָס איז שַייך מענטשן. און ער האָט
צו זיך גערופן דאָס פאַלק אינאיינעם מיט זיינע תּלמידים, און
האָט צו זיי געזאָגט: וויל מיר ווער נאָכגיין, זאָל ער זיך אַליין
פאַרלייקענען, און נעמען אויף זיך זיין צלָב, און מיר נאָכגיין.
35 וואָרים ווער סע וויל מַציל זיין זיין לעבן, וועט עס פאַרלירן; און
ווער סע וועט פאַרלירן זיין לעבן פון מיינעטוועגן און צוליב דער
36 בשׂורה, וועט עס מַציל זיין. וואָרים וואָס נוצט עס דעם מענטשן,
ווען ער זאָל געווינען די גאַנצע וועלט, און פאַרלירן זיין לעבן?
37 אָדער וואָס פאַר אַן אויסלייז קאָן אַ מענטש געבן פאַר זיין לעבן?
38 וואָרים ווער עס וועט זיך שעמען מיט מיר און מיט מיינע רייד אין
דעם דאָזיקן נואפדיקן און זינדיקן דור, וועט דער בֶּן־אָדָם זיך אויך
שעמען מיט אים, בעת ער וועט קומען אין דער הערלעכקייט פון
זיין פאָטער מיט די הייליקע מַלאָכים.

ט און ער האָט צו זיי געזאָגט: באֱמת, איך זאָג אייך, פאַראַן

עטלעכע פֿון די, וואָס שטייען דאָ, וואָס וועלן ניט פֿאַרזוכן
דעם טַעם פֿון טויט, בּיז זיי וועלן זען דאָס מַלכות פֿון גאָט
2 אַנקומען מיט מאַכט. און זעקס טעג שפּעטער האָט יֵשוּעַ
גענומען מיט זיך פּעטרוסן, און יַעקבֿן, און יוחנָן, און האָט זיי
אַרויפֿגעבּראַכט אַליין מיט זיך אויף אַ הויכן בּאַרג; און ער איז
3 פֿאַר זיי פֿאַרענדערט געוואָרן. און זיינע מַלבּושים זענען געוואָרן
שטראַלנדיק, אַזוי ווייס, אַז קיין פֿאַרבּער אויף דער ערד וואַלט
4 זיי ניט געקאָנט ווייסער מאַכן. און אֵלִיָהו מיט משהן האָבּן זיך
5 אַנטפּלעקט צו זיי, און האָבּן גערעדט מיט יֵשוּעַן. און פּעטרוס
האָט זיך אָפּגערופֿן צו יֵשוּעַן רֶבּי, עס איז גוט פֿאַר אונדז דאָ צו
זיין; לאָמיר מאַכן דריי בּיידלעך, איינס פֿאַר דיר, און איינס פֿאַר
6 משהן, און איינס פֿאַר אֵלִיָהון. וואָרים ער האָט ניט געוואוסט,
7 וואָס צו זאָגן, אַזוי דערשראָקן זענען זיי געווען. און געקומען איז
אַ וואָלקן, און האָט זיי פֿאַרשאָטנט, און אַ קול איז אַרויס פֿון
דעם וואָלקן: דאָס איז מיין געליבּטער זון; אים זאָלט איר הערן.
8 און אַז זיי האָבּן זיך פּלוצים אַרומגעקוקט, האָבּן זיי קיינעם ניט
9 געזען, אַחוץ יֵשוּעַן אַליין. און בּעת זיי האָבּן אַראָפּגענידערט
פֿון דעם בּאַרג, האָט ער זיי בּאַפֿוילן, אַז זיי זאָלן קיינעם ניט
דערציילן, וואָס זיי האָבּן געזען, בּיז דער בֶּן־אָדָם וועט אויפֿשטיין
10 תּחִיַת־הַמֵתים. און זיי האָבּן אויפֿגעכאַפּט דאָס וואָרט, און האָבּן
11 זיך געעִישובֿט צווישן זיך, וואָס תּחִיַת־הַמֵתים זאָל בּאַטייַטן. און
זיי האָבּן אים געפֿרעגט: פֿאַרוואָס זאָגן די סופֿרים, אַז קודם
12 דאַרף קומען אֵלִיָהו? האָט ער צו זיי געזאָגט: אַוודאי קומט קודם
אֵלִיָהו, און טוט אַלץ אויפֿריכטן; און ווי סע שטייט געשריבּן
וועגן דעם בֶּן־אָדָם, אַז ער מוז אַ סַך ליידן, און ווערן פֿאַרשטויסן.
13 אָבּער איך זאָג אייך, אַז אֵלִיָהו איז שוין געקומען, און זיי האָבּן
מיט אים געטאָן וואָס זיי האָבּן געוואָלט, אַזוי ווי סע שטייט
14 געשריבּן וועגן אים. און בּעת זיי זענען געקומען צו די תַּלמידים,
האָבּן זיי געזען אַ גרויסן עולם אַרום זיי, און סופֿרים האָבּן זיך
15 מיט זיי מִתוַכֵּחַ געווען. און אַז די מענטשן האָבּן אים דערזען,

זענען זיי נשתּומם געוואָרן, און האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו אים,
16 און אים אָפּגעגעבן שלום. און ער האָט זיי געפֿרעגט: וועגן
17 וואָס זענט איר זיך מתווכּח מיט זיי? און איינער פֿון דעם פֿאָלק
האָט אים געענטפֿערט: רבי, איך האָב געבראַכט צו דיר מיין
18 זון, וואָס האָט אַ שטומען גייסט; און וואו נאָר ער כאַפּט אים
אָן, וואַרפֿט ער אים אַהין און אַהער; און ער שוימט און קריצט
מיט די ציין, און ווערט פֿאַרשטאַרט; און איך האָב געזאָגט צו
דיינע תּלמידים, אַז זיי זאָלן אים אַרויסטרייַבן, אָבער זיי זענען ניט
19 געווען בּיכולת. און ער האָט זיי געענטפֿערט: אָ אומגלויביקער
דור, ווי לאַנג נאָך זאָל איך זיין מיט אייך? ווי לאַנג נאָך זאַל איך
20 אייך פֿאַרטראָגן? בּרענגט אים אַהער צו מיר. און זיי האָבן אים
געבראַכט צו אים; און ווי ער האָט אים דערזען, האָט דער גייסט
פּלוצים גענומען אים רייסן; און ער איז אַנידערגעפֿאַלן אויף
21 דער ערד, און האָט זיך שוימענדיק געוואַלגערט. און ער האָט
געפֿרעגט זיין פֿאָטער: ווי לאַנג איז עס, זינט דאָס איז צו אים
22 געקומען? האָט ער געזאָגט: פֿון קינדווייַז אָן. און אָפֿט וואַרפֿט
ער אים אין פֿייער און אין וואַסער אַריין, כּדי אים אומצובּרענגען.
אָבער אויב דו קענסט עפּעס טאָן, האָב אויף אונדז רחמנות, און
23 העלף אונדז. און ישוע האָט צו אים געזאָגט: אויב דו קענסט?
24 ־אַלץ איז מעגלעך פֿאַר דעם, וואָס גלויבט. און תּיכף האָט דער
פֿאָטער פֿון דעם ייִנגל אויסגעשריגן, און געזאָגט: איך גלויב;
25 העלף מיין אומגלויבן! און ווען ישוע האָט געזען, אַז דאָס פֿאָלק
לויפֿט זיך צונויף, האָט ער אָנגעשריגן אויף דעם אומריינעם
גייסט, און צו אים געזאָגט: דו שטומער און טויבער גייסט, איך
באַפֿעל דיר, זאָלסט אַרויס פֿון אים, און מער קיינמאָל אין אים
26 ניט אַרייַנגיין. און נאָך אַ סך שרייַעניש, און גרויס רייַסעניש, איז
ער פֿון אים אַרויס; און דאָס ייִנגל איז געוואָרן ווי אַ מת, אַזוי,
27 אַז אַ סך האָבן געזאָגט: ער איז געשטאָרבן. אָבער ישוע האָט
אים אָנגענומען בּיי דער האַנט, און האָט אים אויפֿגעהויבן, און
28 ער איז אויפֿגעשטאַנען. און ווען ער איז אַרייַנגעגאַנגען אין הויז
אריין

אַריין, האָבן אים זיינע תַּלמידים געפרעגט, בעת זיי זענען געווען
29 אַליין: פאַרוואָס האָבן מיר אים ניט געקענט אַרויסטרייַבן? האָט
ער צו זיי געזאָגט: דער דאָזיקער מִין גייט ניט אַרויס, סיידן
30 דורך תּפִלה און תּעניתים. און זיי זענען פון דאָרטן אַוועק, און
זענען דורכגעגאַנגען דורך גָליל; און ער האָט ניט געוואָלט, אַז
31 עמיצער זאָל עס וויסן. וואָרים ער האָט געלערנט זיינע תַּלמידים,
און צו זיי געזאָגט: דער בֶּן־אָדָם וועט איבערגעענטפערט ווערן
אין די הענט פון מענטשן, און זיי וועלן אים טייטן; און דריי טעג
32 נאָכן טויט וועט ער ווידער אויפשטיין. אָבער זיי האָבן ניט
פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געזאָגט, און האָבן מורא געהאַט אים
33 צו פרעגן. און זיי זענען געקומען קיין כּפַר־נַחום; און בעת ער
איז געווען אין הויז, האָט ער זיי געפרעגט: וועגן וואָס האָט איר
34 אייך געאַמפּערט אויפן וועג? אָבער זיי האָבן געשוויגן; ווייל
אויפן וועג האָט איינער מיטן אַנדערן זיך געאַמפּערט, ווער עס
35 איז דער גרעסטער צווישן זיי. און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט,
און גערופן די צוועלף, און האָט צו זיי געזאָגט: דער, וואָס
וויל זיין דער ערשטער, זאָל זיין דער לעצטער פון אַלע, און אַ
36 באַדינער פון אַלע. און ער האָט גענומען אַ קינד, און האָט
עס אַוועקגעשטעלט אין זייער מיט; און נעמענדיק עס אין זיינע
37 אָרעמס, האָט ער צו זיי געזאָגט: ווער סע וועט אויפנעמען אַזאַ
קינד אין מיין נאָמען, טוט מיך אויפנעמען; און ווער סע נעמט
מיך אויף, נעמט אויף ניט מיך, נייערט אים, וואָס האָט מיך
38 געשיקט. האָט יוֹחָנָן צו אים געזאָגט: רֶבּי, מיר האָבן געזען
איינעם אַרויסטרייַבן בייזע גייסטער אין דיין נאָמען; און מיר
האָבן אים פאַרווערט, וואָרים ער איז אונדז ניט נאָכגעגאַנגען.
39 און יֵשוּעַ האָט געזאָגט: פאַרווערט אים ניט; וואָרים קיינער
קאָן ניט טאָן קיין וואונדער אין מיין נאָמען, און באַלד רעדן
40 שלעכטס אויף מיר. וואָרים דער, וואָס איז ניט קעגן אונדז,
41 איז פאַר אונדז. וואָרים ווער סע וועט אייך געבן צו טרינקען
אַ בעכער וואַסער, מַחמת איר געהערט צום מָשיחַ, בֶּאֱמֶת,
איך

42 איך זאָג אייך, ער וועט ניט אָנווערן זיין שׂכר. און ווער סע
וועט מאַכן שטרויכלען איינעם פון די דאָזיקע קליינע, וואָס
גלויבן אין מיר, פאַר דעם וואָלט בעסער געווען, אַז אַ גרויסער
מילשטיין וואָלט אָנגעהאָנגען געוואָרן אויף זיין האַלדז, און ער
43 וואָלט אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין ים אַריין. און אויב דיין האַנט
מאַכט דיך שטרויכלען, האַק זי אָפּ; עס איז בעסער פאַר דיר
אַריינצוקומען אין לעבן געמומט, איידער מיט דיינע ביידע הענט
אַריינגעוואָרפן צו ווערן אין גיהנום, אין דעם אומפאַרלעשלעכן
44 פייער, וואו זייער וואָרעם שטאַרבט ניט און דאָס פייער ווערט
45 ניט פאַרלאָשן. און אויב דיין פוס מאַכט דיך שטרויכלען,
האַק אים אָפּ; עס איז בעסער פאַר דיר אַריינצוקומען אין לעבן
לאָם, איידער מיט ביידע פיס אַריינגעוואָרפן צו ווערן אין גיהנום,
46 וואו זייער וואָרעם שטאַרבט ניט, און דאָס פייער ווערט ניט
47 פאַרלאָשן. און אויב דיין אויג מאַכט דיך שטרויכלען, רייס עס
אַרויס; עס איז בעסער פאַר דיר אַריינצוקומען אין דעם מלכות
פון גאָט מיט איין אויג, איידער מיט ביידע אויגן אַריינגעוואָרפן
48 צו ווערן אין גיהנום, וואו זייער וואָרעם שטאַרבט ניט, און דאָס
49 פייער ווערט ניט פאַרלאָשן. וואָרים יעדער איינער וועט געזאַלצן
50 ווערן מיט פייער. זאַלץ איז גוט; אויב אָבער זאַלץ פאַרלירט
דעם טעם, מיט וואָס וועט איר עס ווירצן? האָט זאַלץ אין זיך, און
לעבט בשלום איינער מיטן אַנדערן.

י און ער איז אויפגעשטאַנען פון דאָרטן, און איז געקומען אין
די געמאַרקן פון יהודה און עבר־הירדן, און אַ גרויסער המון
מענטשן האָט זיך ווידער אַרום אים פאַרזאַמלט. און ווי זיין
2 שטייגער, האָט ער ווידער מיט זיי געלערנט. און פרושים האָבן
געגנענט, און כּדי אים צו פּרוּוון, האָבן זיי אים געפרעגט: צי
3 מעג אַ מאַן זיך גטן מיט זיין ווייב? האָט ער זיי געענטפערט:
4 וואָס האָט אייך משה געבאָטן? האָבן זיי געזאָגט: משה האָט
5 אונדז דערלויבט צו שרייבן אַ גט, און זי אַוועקשיקן. אָבער
ישוע האָט צו זיי געזאָגט: צוליב אייער האַרטהאַרציקייט האָט
ער

6 ער אייך פאַרגעשריבן דאָס דאָזיקע געבאָט. אָבער אין אָנהייב
פון דער באַשאַפונג האָט זיי גאָט באַשאַפן זָכר און נְקֵבה.
7 דעריבער זאָל אַ מאַן פאַרלאָזן זיין פאָטער און מוטער, און זיך
8 באַהעפטן אָן זיין ווייב, און ביידע זאָלן ווערן איין לייַב. אַזוי זענען
9 זיי שוין מער ניט צוויי, נייערט איין לייַב. דעריבער, וואָס גאָט
10 האָט באַהאָפטן, זאָל אַ מענטש ניט פונאַנדערשיידן. און אין הויז
האָבן אים די תַּלמידים ווידער געפרעגט וועגן דעם דאָזיקן ענין.
11 און ער האָט צו זיי געזאָגט: ווער סע גֵט זיך מיט זיין ווייב, און
12 האָט חַתונה מיט אַן אַנדערער, איז אַ נואף. און אויב זי גופא
גֵט זיך מיט איר מאַן, און האָט חַתונה מיט אַן אַנדערן, איז זי אַ
13 נואֶפטע. און זיי האָבן צו אים געבראַכט קינדער, כּדי ער זאָל זיי
14 אָנרירן; אָבער די תַּלמידים האָבן זיך אויף זיי אָנגעבייזערט. און
אַז יֵשוּעַ האָט דאָס געזען, האָט עס אים פאַרדראָסן, און ער האָט
צו זיי געזאָגט: לאָזט די קינדער קומען צו מיר, און פאַרווערט זיי
15 ניט; ווייל צו אַזעלכע געהערט דאָס מַלכות פון גאָט. באֱמת, איך
זאָג אייך, ווער סע וועט ניט מְקַבּל זיין דאָס מַלכות פון גאָט ווי אַ
16 קינד, דער וועט דערין ניט אַרייַנקומען. און ער האָט זיי גענומען
אין זיינע אָרעמס, און האָט זיי געבענטשט, און אַרויפגעלייגט
17 זיינע הענט אויף זיי. און בעת ער האָט זיך געלאָזט אין וועג
אַרייַן, איז צו אים צוגעלאָפן איינער, וואָס איז פאַר אים געפאַלן
אויפן פָּנים, און האָט אים געפרעגט: רֶבּי גוטער, וואָס זאָל איך
18 טאָן, כּדי צו יַרשענען אייביק לעבן? און יֵשוּעַ האָט צו אים
געזאָגט: פאַרוואָס רופסטו מיך גוטער? קיינער איז ניט גוט, הוץ
19 גאָט אַליין. דו קענסט די מִצוות: דו זאָלסט ניט טייטן, דו זאָלסט
ניט מְזַנה זיין, דו זאָלסט ניט גַנבענען, דו זאָלסט ניט פאַלש עֵדות
זאָגן, דו זאָלסט ניט באַרויבן, גיב אָפּ כָּבוד דיין פאָטער און
20 מוטער. און ער האָט צו אים געזאָגט: רֶבּי דאָס אַלץ האָב איך
21 אָפּגעהיט פון מיין יוגנט אָן. און יֵשוּעַ האָט אים אָנגעקוקט, און
אים ליב באַקומען, און האָט צו אים געזאָגט: איין זאַך פעלט דיר
נאָך; גיי, פאַרקויף וואָס דו פאַרמאָגסט, און גיב עס די אָרעמע,

וועסטו

22 וועסטו האָבן אַן אוצר אין הימל. און קום, און גיי מיר נאָך. בּיי די
רייד האָט זיך זיין פּנים פֿאַרכמאַרעט, און ער איז אַוועקגעגאַנגען
23 אַ דערשלאָגענער, מחמת ער האָט געהאַט אַ סך גיטער. און
יֵשוּעַ האָט זיך אַרומגעקוקט, און געזאָגט צו זיינע תַּלמידים: ווי
שווער איז פֿאַר די, וואָס האָבן עֲשירות, אַריַינצוקומען אין דעם
24 מַלכות פֿון גאָט׳ און די תַּלמידים האָבן זיך געחִידושט איבער
זיינע רייד. און יֵשוּעַ האָט זיך ווידער אָפּגערופֿן, און צו זיי
געזאָגט: קינדער, ווי שווער איז פֿאַר די, וואָס פֿאַרזיכערן זיך
25 אין עֲשירות, אַריַינצוקומען אין דעם מַלכות פֿון גאָט׳ עס איז
לייַכטער פֿאַר אַ קעמל דורכצוגיין דורך אַ לעכל פֿון אַ נאָדל,
26 ווי פֿאַר אַן עושר אַריַינצוקומען אין דעם מַלכות פֿון גאָט. און
זיי זענען שטאַרק נִשתּוֹמם געוואָרן, און האָבן צו אים געזאָגט:
27 טאָ ווער קאָן נִיצול ווערן? און יֵשוּעַ האָט אויף זיי געקוקט,
און געזאָגט: בּיי מענטשן איז עס אוממעגלעך, אָבער ניט
28 בּיי גאָט; וואָרים אַלץ איז מעגלעך בּיי גאָט. האָט פּעטרוס
גענומען צו אים זאָגן: זע, מיר האָבן אַלץ פֿאַרלאָזט, און זענען
29 דיר נאָכגעגאַנגען, האָט יֵשוּעַ געזאָגט: בּאֱמת, איך זאָג אייך,
ניטאָ קיינער, וואָס האָט פֿאַרלאָזט הויז, אָדער בּרידער, אָדער
שוועסטער, אָדער מוטער, אָדער פֿאָטער, אָדער קינדער, אָדער
30 פֿעלדער, פֿון מייַנעטוועגן און צוליב דער בּשׂורה טובֿה, וואָס
וועט ניט בּאַקומען הונדערט מאָל מער אין דער איצטיקער צייט,
הייזער, און בּרידער, און שוועסטער, און מוטערס, און קינדער,
און פֿעלדער, אינאיינעם מיט רדיפֿות, און אויף יענער וועלט,
31 אייבּיק לעבן. אָבער אַ סך, וואָס זענען ערשטע, וועלן זיין לעצטע,
32 און די לעצטע ־ ערשטע. און זיי זענען געווען אין וועג, און זענען
אַרויפֿגעגאַנגען קיין ירושָלַיִם, און יֵשוּעַ איז געגאַנגען פֿאָרויס
פֿאַר זיי; און זיי זענען געווען פֿאַרחִידושט, און די, וואָס זענען אים
נאָכגעגאַנגען, האָבן מורא געהאַט. און ער האָט ווידער גענומען
די צוועלף, און האָט זיי אָנגעהויבן צו דערציילן, וואָס מיט אים
33 וועט זיך טרעפֿן; און ער האָט געזאָגט: זעט, מיר גייען אַרויף
קיין

קיין ירושָׁלַיִם; און דער בֶּן־אָדָם וועט איבערגעענטפערט ווערן
צו די ראָשי־כֹּהֲנים און די סופרים, און זיי וועלן אים פֿאַרמשפּטן
34 צום טויט, און אים איבערענטפערן צו די גויים. און זיי וועלן אים
פֿאַרשפּאָטן, און שפּייען אויף אים, און אים שמייסן, און טייטן;
35 און אויפֿן דריטן טאָג וועט ער ווידער אויפֿשטיין. און יַעֲקֹב און
יוֹחָנָן, זַבְדִּים זין, זענען צוגעגאַנגען צו אים, און האָבן געזאָגט:
רֶבִּי, מיר ווילן, אַז דו זאָלסט פֿאַר אונדז טאָן, וואָס מיר וועלן דיך
36 בעטן. האָט ער צו זיי געזאָגט: וואָס ווילט איר, אַז איך זאָל טאָן
37 פֿאַר אייך? האָבן זיי צו אים געזאָגט: באַוויליק אונדז צו זיצן,
איינער צו דיין רעכטער, און איינער צו דיין לינקער האַנט, אין
38 דיין הערלעכקייט. אָבער יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט: איר ווייסט
ניט וואָס איר ווילט. צי קאָנט איר טרינקען דעם כּוס, וואָס איך
טרינק אָדער געטובלט צו ווערן מיט דער טבילה, וואָס איך ווער
39 געטובלט? האָבן זיי צו אים געזאָגט: מיר קענען. און יֵשוּעַ האָט
צו זיי געזאָגט: דעם כּוס, וואָס איך טרינק, וועט איר טרינקען;
און מיט דער טבילה, וואָס איך ווער געטובלט, וועט איר אויך
40 געטובלט ווערן; אָבער זיצן צו מיין רעכטער אָדער לינקער
האַנט, איז ניט מיינס צו געבן, דאָס איז פֿאַר די, פֿאַר וועמען
41 עס איז אָנגעברייט געוואָרן; און אַז די צען האָבן דאָס געהערט,
42 האָט עס זיי פֿאַרדראָסן אויף יַעֲקֹבן און יוֹחָנָן. און יֵשוּעַ האָט זיי
צוגערופֿן צו זיך, און געזאָגט: ווייסן ווייסט איר, אַז די שָׂרים פֿון
די גויים הערשן איבער זיי, און זייערע גדולים געוועלטיקן איבער
43 זיי. ניט אַזוי זאָל עס אָבער זיין צווישן אייך; נייערט ווער סע
44 וויל ווערן גרויס צווישן אייך, זאָל זיין אייער באַדינער, און ווער
סע וויל זיין ערשט צווישן אייך, זאָל זיין אייער אַלעמענס קנעכט.
45 וואָרים דער בֶּן־אָדָם איז אויך ניט געקומען באַדינט צו ווערן,
נייערט צו באַדינען, און צו געבן זיין לעבן אַן אויסלייז פֿאַר אַ סך.
46 און זיי זענען געקומען קיין יריחו; און בעת ער האָט פֿאַרלאָזט
יריחו מיט זיינע תּלמידים און מיט אַ גרויסן הַמון מענטשן, איז
טִימַיס זון, בַּרטִימַי, אַ בלינדער בעטלער, געזעסן ביים וועג.
און

47 און ווען ער האָט געהערט, אַז עס איז יֵשוּעַ הַנּוֹצרי, וואָס גייט
פאַרבײַ, האָט ער אנגעהויבן צו שרייען: יֵשוּעַ, בֶּן־דָוִד, האָב
48 רַחמָנות אויף מיר! און אַ סך האָבן זיך אויף אים אָנגעבייזערט,
ער זאָל שווייגן. אָבער ער האָט נאָך העכער געשריגן: בֶּן־דָוִד,
49 האָב רַחמָנות אויף מיר! און יֵשוּעַ האָט זיך אָפּגעשטעלט, און
געזאָגט: רופט אים צו; און זיי האָבן גערופן דעם בלינדן, און צו
50 אים געזאָגט: זיי געטרייסט; שטיי אויף, ער רופט דיך. און ער
האָט אַראָפּגעוואָרפן זיין מאַנטל, און איז אויפגעשפרונגען, און
51 האָט געקומען צו יֵשוּעַן. און יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט: וואָס
ווילסטו, אַז איך זאָל טאָן פאַר דיר? און דער בלינדער האָט צו
52 אים געזאָגט: רִבּוֹני, כּדי איך זאָל ווערן זעעוודיק! און יֵשוּעַ האָט צו אים
געזאָגט: גיי, דיין אֶמונה האָט דיר געהאָלפן. און באותו־רֶגע
האָט ער צוריק באַקומען זיין ראִיה, און איז אים נאָכגעגאַנגען
אויפן וועג.

יא און בעת זיי האָבן געגעענט קיין ירושָלַיִם, קיין בֵּית־פַּגֵי און בֵּית־
הִינִי, ביים הַר־הַזֵיתים, האָט ער געשיקט צוויי פון זיינע תַּלמידים,
2 און צו זיי געזאָגט: גייט אין דאָרף אַריין אָנטקעגנאיבער אייך.
און תֵּיכף ווי איר וועט אַרייַנקומען, וועט איר געפינען צוגעבונדן
אַ יונג אייזל, אויף וועלכן קיינער איז נאָך ניט געזעסן; בינדט
3 עס אָפּ, און ברענגט עס אַהער. און אויב עמיצער וועט צו אייך
זאָגן: פאַרוואָס טוט איר דאָס? זאָלט איר זאָגן: דער האַר
4 דאַרף עס האָבן, און ער וועט עס תֵּיכף צוריקשיקן. און זיי זענען
געגאַנגען, און האָבן געפונען אַ יונג אייזל צוגעבונדן ביי אַ טיר
5 אין דרויסן ביים וועג; און זיי האָבן עס אָפּגעבונדן. און עטלעכע
פון די, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, האָבן צו זיי געזאָגט: וואָס
6 טוט איר, וואָס איר בינדט אָפּ דאָס אייזעלע? און זיי האָבן צו זיי
געזאָגט, וואָס יֵשוּעַ האָט זיי געהייסן; און זיי האָבן זיי געלאָזט
7 גיין. און זיי האָבן געבראַכט דאָס אייזל צו יֵשוּעַן, און האָבן
דערויף אַרויפגעלייגט זייערע מַלבּושים, און ער האָט זיך אויף זיי
8 אַרויפגעזעצט. און אַ סך האָבן אויסגעשפּרייט זייערע מַלבּושים
אויפן

אויפן וועג, און אַנדערע צווייגן, וואָס זיי האָבן אָפּגעשניטן אויף
9 די פעלדער. און די, וואָס זענען געגאַנגען פאָרויס, און די, וואָס
זענען נאָכגעגאַנגען, האָבן געשריגן: הושע־נאָ׳ בּרוך הַבָּא אין
10 דעם נאָמען פון גאָט׳ געבענטשט איז דאָס מַלכות פון אונדזער
11 פאָטער דָוִד, וואָס טוט קומען׳ הושע־נאָ אין דער הייך׳ און ער איז
אַרייַנגעקומען קיין ירושלַיִם, און איז געגאַנגען אין בּית־הַמִקדש
אַריין, און נאָכדעם ווי ער האָט זיך אויף אַלץ אַרומגעקוקט,
און מַחמת עס איז שוין געווען שפּעט, איז ער אַרויסגעגאַנגען
12 קיין בּית־הִינִי מיט די צוועלף. און אויף מאָרגן, בּעת זיי זענען
13 אַרויסגעקומען פון בּית־הִינִי, איז ער געווען הונגעריק. און
זעענדיק פון דערווייַטנס אַ פייַגנבּוים מיט בּלעטער, איז ער
צוגעגאַנגען זען, אֶפשר וועט ער אויף אים עפּעס געפינען. און
אַז ער האָט זיך דערנענטערט צו אים, האָט ער גאָרניט געפונען,
אַחוץ בּלעטער; וואָרים עס איז נאָך ניט געווען די צייט פון פייגן.
14 און ער האָט צו אים געזאָגט: זאָל שוין קיינער מער קיינמאָל ניט
עסן קיין פּירות פון דיר. און זיינע תַּלמידים האָבן עס געהערט.
15 און זיי זענען געקומען קיין ירושלַיִם. און ער איז אַרייַנגעגאַנגען
אין דעם בּית־הַמִקדש אַריין, און האָט גענומען אַרויסטרייַבן
די, וואָס האָבן פאַרקויפט און געקויפט אין בּית־הַמִקדש, און
האָט איבּערגעקערט די טישן פון די חַלפָנים, און די בּענק
16 פון די טויבּן־פאַרקויפער. און ער האָט קיינעם ניט געלאָזט
17 דורכטראָגן קיין כּלִי דורך דעם בּית־הַמִקדש. און ער האָט
געלערנט, און צו זיי געזאָגט: שטייט דען ניט געשריבּן: מיין
הויז זאָל גערופן ווערן אַ הויז פון תּפִלה פאַר אַלע אומות? איר
18 אַבּער האָט עס געמאַכט אַ הייל פון גַזלָנים. און די ראָשי־כּהַנים
און די סופרים האָבן דאָס געהערט, און זיי האָבן געזוכט וויאַזוי
אים אומצובּרענגען; וואָרים זיי האָבן פאַר אים מורא געהאַט,
מַחמת דאָס גאַנצע פאָלק האָט זיך געחִידושט איבּער זיין
19 לערנונג. און יעדן אָוונט איז ער אַרויסגעגאַנגען פון דער שטאָט.
20 און ווען זיי זענען פאַרבּייַגעגאַנגען אין דער פרי, האָבן זיי געזען,
אז

21 אַז דער פֿײַגנבוים איז פֿאַרוועלקט געוואָרן ביז די וואָרצלען. און
פּעטרוס האָט זיך דערמאָנט, און צו אים געזאָגט: רֶבּי, זע, דער
פֿײַגנבוים, וואָס דו האָסט פֿאַרשאָלטן, איז פֿאַרוועלקט געוואָרן.
22 און יֵשוּעַ האָט געענטפֿערט, און צו זיי געזאָגט: האָט אֱמוּנה אין
23 גאָט. באֱמת, איך זאָג אײַך, ווער סע וועט זאָגן צו דעם דאָזיקן
באַרג: הייב דיך אויף און וואַרף דיך אין יַם אַרײַן, און ער וועט
ניט צווייפֿלען אין זײַן האַרץ, נייערט וועט גלייבן אין דעם, וואָס
24 ער זאָגט, וועט עס געשען פֿאַר אים. דעריבער זאָג איך אײַך,
אַלץ, וואָס איר וועט בעטן און פֿאַרלאַנגען, גלייבט אַז איר האָט
25 עס שוין, און איר וועט עס האָבן. און ווען איר שטעלט זיך
מִתפּלל צו זײַן, זייט מוחל, אויב איר האָט עפּעס קעגן עמיצן,
כּדי אײַער פֿאָטער אין הימל זאָל אויך אײַך מוחל זײַן אײַערע
26 חַטאָים. אָבער אויב איר וועט ניט מוחל זײַן, וועט אײַער פֿאָטער
27 אין הימל אויך אײַערע חַטאָים ניט מוחל זײַן. און זיי זענען ווידער
געקומען קיין ירושָלַיִם. און בעת ער איז אַרומגעגאַנגען אין דעם
בֵּית־הַמִקדש, זענען צו אים צוגעגאַנגען די ראָשי־כּהַנים, און די
28 סופֿרים, און די זקֵנים, און זיי האָבן צו אים געזאָגט: מיט וועמעס
רשות טוסטו דאָס אַלץ? און ווער האָט דיר געגעבן רשות, דאָס
29 דאָזיקע צו טאָן? און יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט: איך וויל אײַך
אויך פֿרעגן אַ קַשיא; נו, ענטפֿערט מיר, און איך וועל אײַך זאָגן
30 מיט וועמעס רשות איך טו דאָס אַלץ. איז די טבילה פֿון יוֹחָנָן
31 געווען פֿון הימל, אָדער פֿון מענטשן? נו, ענטפֿערט מיר. און
זיי האָבן זיך געשלאָגן מיט דער דֵעה, און געזאָגט: אויב מיר
וועלן זאָגן: פֿון הימל, וועט ער זאָגן: פֿאַרוואָס האָט איר אים ניט
32 געגלייבט? וועלן מיר אָבער זאָגן: פֿון מענטשן — האָבן זיי מורא
געהאַט פֿאַרן פֿאָלק, וואָרים אַלע האָבן געהאַלטן יוֹחָנָן פֿאַר אַן
33 אֱמֶתן נָביא. און זיי האָבן געענטפֿערט יֵשוּעַן: מיר ווייסן ניט.
האָט יֵשוּעַ צו זיי געזאָגט: אויב אַזוי, זאָג איך אײַך אויך ניט מיט
וועמעס רשות איך טו דאָס.

יב און ער האָט אָנגעהויבן צו רעדן צו זיי מיט משָלים. אַ מענטש

האָט געפּלאַנצט אַ ווייַנגאָרטן, און האָט אים אַרומגעצאַמט, און
אויסגעגראָבן אַ קעלטער, און געבויט אַ טורעם, און ער האָט
אים פֿאַרדונגען צו ווייַנגערטנער, און איז אַוועק אין אַן אַנדער
2 לאַנד אַריין. און צו דער רעכטער צייט, האָט ער געשיקט צו
די ווייַנגערטנער אַ קנעכט, כּדי אָפּצונעמען בײַ די ווייַנגערטנער
3 די פּירות פֿון דעם ווייַנגאָרטן. און זיי האָבן אים גענומען, און
4 האָבן אים געשלאָגן, און אים אַוועקגעשיקט ליידיק. און ער האָט
נאָכאַמאָל צו זיי געשיקט אַן אַנדערן קנעכט; און דעם האָבן זיי
5 צעניזוקט דעם קאָפּ, און אים געמיין באַהאַנדלט. און ער האָט
געשיקט אַן אַנדערן, און דעם האָבן זיי געהרגעט; און אַזוי אויך
מיט אַ סך אַנדערע, עטלעכע האָבן זיי צעשלאָגן, און עטלעכע
6 געהרגעט. און ער האָט נאָך געהאַט אַ באַליבטן בן־יחיד;
אים האָט ער צום סוף צו זיי געשיקט, און געזאָגט: זיי וועלן
7 דרך־ארץ האָבן פֿאַר מײַן זון. אָבער יענע ווייַנגערטנער האָבן
צווישן זיך געזאָגט: דאָס איז דער יורש; קומט, לאָמיר אים
8 הרגענען, און די ירושה וועט זײַן אונדזערע׳ און זיי האָבן אים
גענומען, און אים געהרגעט, און האָבן אים אַרויסגעוואָרפֿן פֿון
9 דעם ווייַנגאָרטן. בכן, וואָס וועט דער האַר פֿון דעם ווייַנגאָרטן
טאָן? ער וועט קומען און אומברענגען די ווייַנגערטנער, און געבן
10 דעם ווייַנגאָרטן צו אַנדערע. האָט איר ניט געלייענט דעם דאָזיקן
פּסוק: דער שטיין, וואָס די בוימייַסטער האָבן פֿאַרוואָרפֿן, איז
11 געוואָרן צום ווינקלשטיין; פֿון גאָט איז דאָס געשען, און עס איז
12 וואונדערלעך אין אונדזערע אויגן? און זיי האָבן געזוכט אים
צו כאַפּן, אָבער זיי האָבן מורא געהאַט פֿאַרן פֿאָלק, וואָרים
זיי האָבן זיך משער געווען, אַז דאָס משל האָט ער גערעדט
קעגן זיי; און זיי האָבן אים פֿאַרלאָזט און זענען אַוועקגעגאַנגען.
13 און זיי האָבן צו אים געשיקט עטלעכע פֿון די פּרושים מיט
14 די הורדוס־לייַט, כּדי אים צו כאַפּן בײַם רעדן. און זיי זענען
געקומען, און האָבן צו אים געזאָגט: רבי, מיר ווייסן, אַז דו
ביסט וואָרהאַפֿטיק, און דיך אַרט ניט קיינער; וואָרים דו ביסט
קיינעם

קיינעם ניט נושׂא־פָּנים, נייערט לערנסט באֶמת דעם וועג פֿון
15 גאָט. דאַרף מען געבן שטייער דעם קֵיסר, אָדער ניט? זאָלן
מיר געבן, אָדער ניט געבן? ער אָבער האָט דערקענט זייער
חַניפה, און האָט צו זיי געזאָגט: פֿאַרוואָס פּרוּווט איר מיך
16 אויס? ברענגט מיר אַ דינָר, כּדי איך זאָל אים זען. און אַז
זיי האָבן אים געבראַכט, האָט ער צו זיי געזאָגט: וועמעס איז
דאָס דאָזיקע בילד און די אויפֿשריפֿט? און זיי האָבן צו אים
17 געזאָגט: דעם קֵיסרס. האָט יֵשוּעַ צו זיי געזאָגט: גיט דעם
קֵיסר דאָס, וואָס איז דעם קֵיסרס, און צו גאָט דאָס, וואָס איז
18 גאָטס. און זיי האָבן זיך איבער אים שטאַרק געחידושט. און
עס זענען צו אים געקומען צדוקים, וואָס זאָגן, אַז סאיז ניטאָ
קיין תּחִיַת־הַמֵתים; און זיי האָבן אים געפֿרעגט, אַזוי צו זאָגן:
19 רֶבּי, משה האָט אונדז פֿאַרגעשריבן, אַז אויב סע שטאַרבט
איינעמס אַ ברודער, און לאָזט איבער נאָך זיך אַ ווייב, אָבער
קיין קינד לאָזט ער ניט, אַזוי זאָל זיין ברודער נעמען זיין ווייב
20 און אויפֿשטעלן זאָמען פֿאַר זיין ברודער. עס זענען געווען זיבן
ברידער; און דער ערשטער האָט גענומען אַ ווייב, און אַז ער
21 איז געשטאָרבן, האָט ער ניט געלאָזט קיין זאָמען. און דער
צווייטער האָט זי גענומען, און איז געשטאָרבן, און האָט ניט
22 געלאָזט נאָך זיך קיין זאָמען; און אַזוי אויך דער דריטער. און די
זיבן האָבן ניט געלאָזט קיין זאָמען. און צום סוף, נאָך אַלע, איז
23 אויך די פֿרוי געשטאָרבן. בכֵן, ביי תּחִיַת־הַמֵתים, וועמעס ווייב
וועט זי זיין? וואָרים אַלע זיבן האָבן זי געהאַט פֿאַר אַ ווייב.
24 און יֵשוּעַ האָט צו זיי געזאָגט: מאַכט איר ניט אֶפשר אַ טָעות
צוליב דעם, וואָס איר קענט ניט די תּורה, און ניט די מאַכט פֿון
25 גאָט? וואָרים ביי תּחִיַת־הַמֵתים האָט מען ניט חַתונה, און מע
טוט אויך ניט חַתונה מאַכן, נייערט זיי זענען ווי די מַלאָכים אין
26 הימל. און וואָס איז שַייך תּחִיַת־הַמֵתים, האָט איר ניט געלייענט
אין תּורַת־משה, אין דעם אָרט בנוגע דעם סנֶה, ווי גאָט האָט צו
אים גערעדט, אַזוי צו זאָגן: איך בין דער גאָט פֿון אַברָהם, און
דער

27 דער גאָט פֿון יִצחָק, און דער גאָט פֿון יַעקבֿ. ער איז ניט דער
גאָט פֿון טויטע, נייערט פֿון לעבעדיקע; איר זענט זיך שטאַרק
28 טועה. און איינער פֿון די סופֿרים, וואָס האָט זיך צוגעהערט
צו זייער וויכּוח, האָט גענעענט, און ווייל ער האָט געוואוסט, אַז
ער האָט זיי גוט געענטפֿערט, האָט ער אים געפֿרעגט: וואָס
29 איז די ערשטע פֿון אַלע מִצוות? האָט יֵשוּעַ געענטפֿערט: די
30 ערשטע מִצווה איז: שְׁמַע יִשׂרָאֵל, יהוָה אֱלֹהֵינוּ, יהוָה אֶחָד; און
דו זאָלסט ליב האָבן גאָט דיין האַר מיט דיין גאַנצן האַרצן, און
מיט דיין גאַנצער נשָמה, און מיט דיין גאַנצן פֿאַרשטאַנד, און
31 מיט דיין גאַנצן כּוח. און די צווייטע איז די: דו זאָלסט ליב
האָבן דיין חַבר ווי דיך אַליין. ניטאָ קיין גרעסערע מִצווה ווי
32 די דאָזיקע. און דער סופֿר האָט צו אים געזאָגט: אֶמת, רֶבּי,
דו האָסט ריכטיק געזאָגט, גאָט איז איינער, און אַז עס איז ניטאָ
33 קיין אַנדערער אַחוץ אים; און אים ליב האָבן מיטן גאַנצן האַרצן,
און מיטן גאַנצן פֿאַרשטאַנד, און מיטן גאַנצן כּוח, און ליב האָבן
דעם חַבר ווי זיך אַליין, איז אַ סך מער ווי אַלע עולות און זבָחים.
34 און בעת יֵשוּעַ האָט געזען, אַז ער האָט שֵׂכֶלדיק געענטפֿערט,
האָט ער צו אים געזאָגט: דו ביסט ניט ווייט פֿון דעם מַלכות
פֿון גאָט. און מער האָט זיך שוין קיינער ניט דערלויבט אים
35 צו שטעלן קיין קַשיא. און בעת יֵשוּעַ האָט געלערנט אין דעם
בֵּית־הַמִקדש, האָט ער זיך אָפּגערופֿן, און געזאָגט: ווי קומט
36 עס, וואָס די סופֿרים זאָגן, אַז דער מָשיחַ איז דער בֶּן־דָוִד? דָוִד
אַליין האָט געזאָגט דורך דעם רוחַ־הַקוֹדֶש: גאָט האָט געזאָגט
צו מיין האָר: זעץ דיך בײַ מיין רעכטער האַנט, ביז איך וועל
37 מאַכן דיינע פֿיינט פֿאַר דיין פֿוסבענקל. בכֵן, אויב דָוִד אַליין
רופֿט אים אָן האַר, וויאַזוי איז ער זיין זון? און דאָס רוב פֿון
38 דעם פֿאָלק האָט זיך צו אים צוגעהערט מיט חֵשֶק. און אין זיין
לערנונג האָט ער געזאָגט: היט אייך פֿאַר די סופֿרים, וואָס האָבן
ליב צו גיין אין לאַנגע טַלֵיתים, און מע זאָל זיי אָפּגעבן שָלום
39 אין די מאַרקפּלעצער, און די חָשובסטע שטאָט אין די שולן, און
דעם

40 דעם אויבן־אָן אויף סעודות; זיי, וואָס שלינגען איין די הייזער
פֿון אַלמָנות, און טוען כּלומרשט דאַווענען לאַנג – זיי וועלן
41 שוין קריגן אַ האַרבערן פּסק. און ער האָט זיך אַנידערגעזעצט
קעגנאיבער דער שאַצקאַמער, און האָט געזען ווי דאָס פֿאָלק
וואַרפֿט אַריין געלט אין דעם שאַצקאַסטן. און אַ סך רייכע האָבן
42 פֿיל אַרײַנגעוואָרפֿן. און עס איז געקומען אַן אָרעמע אַלמָנה, און
זי האָט אָרײַנגעוואָרפֿן צוויי מַטבּעות, וואָס באַטרעפֿן אַ פּרוטה.
43 און ער האָט גערופֿן צו זיך זײַנע תּלמידים, און האָט צו זיי
געזאָגט: באֱמת, איך זאָג אייך, די דאָזיקע אָרעמע אַלמָנה האָט
מער אַרײַנגעוואָרפֿן ווי די אַלע, וואָס האָבן אין דעם שאַצקאַסטן
44 אַרײַנגעוואָרפֿן. וואָרים זיי אַלע האָבן געטאָן אַרײַנוואַרפֿן פֿון
דעם, וואָס זיי האָבן געהאַט איבעריק, אָבער זי האָט געהאַט, איר
גאַנצע מִחיָה.
יג און בעת ער איז אַרויסגעגאַנגען פֿון דעם בּית־המקדש, האָט
איינער פֿון זײַנע תּלמידים צו אים געזאָגט: רֶבּי, זע, וואָסערע
2 מינים שטיינער, און וואָסערע מינים בּנינים! און ישוע האָט צו
אים געזאָגט: דו זעסט די דאָזיקע גרויסע בּנינים? סע וועט
דאָ ניט איבערבלײַבן אַ שטיין אויף אַן אַנדערן, וואָס וועט
3 ניט אַראָפּגעוואָרפֿן ווערן. און בעת ער איז געזעסן אויף דעם
הר־הזיתים, אַנטקעגנאיבער דעם בּית־המקדש, האָבן פּעטרוס
און יעקב און יוחנן און אַנדריי אים געפֿרעגט, בעת זיי זענען
4 געווען אַליין: זאַג אונדז, ווען וועט דאָס געשען, און וואָס איז
5 דער סימן, אַז דאָס אַלץ וועט מקוים ווערן? און ישוע האָט זיך
אָפּגערופֿן, און צו זיי געזאָגט: גיט אַכטונג, אַז קיינער זאָל אייך
6 ניט פֿאַרפֿירן. אַ סך וועלן קומען אין מײַן נאָמען, און זאָגן: איך
7 בּין עס! און וועלן אַ סך פֿאַרפֿירן. און בעת איר וועט הערן פֿון
מלחמות און שמועות פֿון מלחמות, איז שרעקט אייך ניט; וואָרים
8 דאָס אַלץ מוז געשען, אָבער דער קץ איז דאָס נאָך ניט. וואָרים
אומה וועט אויפֿשטיין קעגן אומה, און מלוכה קעגן מלוכה;
און אין פֿאַרשידענע ערטער וועלן זײַן ערדציטערנישן, און
הונגערנויט

הונגערנויט; אָבער דאָס אַלץ איז בלויז דער אָנהייב פון ווייען.
9 גיט אָבער אַכטונג אויף זיך; ווייל זיי וועלן אייך איבערענטפערן
צום סַנהֶדרין; און אייך שמייסן אין די שולן, און פאַר מושלים און
10 מלָכים וועט איר שטיין פון מייַנעטוועגן, פאַר אַן עֵדות צו זיי. און
11 די בשׂורה מוז קודם געדרשנט ווערן פאַר אַלע אומות. און בעת
זיי וועלן אייך פירן צום משפּט, און אייך איבערענטפערן, זאָלט
איר פריער ניט דאַגהן וואָס איר זאָלט רעדן; נייערט וואָס סע
וועט אייך געגעבן ווערן אין יענער שָׁעה, דאָס רעדט; וואָרים ניט
12 איר זענט עס, וואָס רעדן, נייערט דער רוח־הַקוֹדֶשׁ. און ברודער
וועט ברודער איבערענטפערן צום טויט, און פאָטער זיין קינד,
און קינדער וועלן אויפשטיין קעגן עלטערן, און גורם זיין, זיי זאָלן
13 געטייט ווערן. און איר וועט זיין פאַרהאַסט פון אַלעמען פון
מיין נאָמען־וועגן; אָבער דער, וואָס וועט אויסהאַלטן ביזן סוף,
14 וועט ניצול ווערן. און בעת איר וועט זען די אומווערדיקייט פון
דער פאַרוויסטונג שטיין, וואו זי באַדאַרף ניט שטיין (זאָל דער,
לייענער פאַרשטין), דעמאָלט זאָלן די, וואָס זענען אין יהודה,
15 אַנטרינען אין די בערג. זאָל דער, וואָס איז אויפן דאַך, ניט
16 אַראָפּגיין, און אַרייַנגיין עפּעס אַרויסצונעמען פון זיין הויז; און
זאָל דער, וואָס איז אין פעלד, זיך ניט אומקערן צו נעמען זיין
17 מאַנטל. אָבער ווי איז צו די וואָס זענען מעוּבֶּרֶת, און וואָס
18 גיבן צו זייגן אין יענע טעג׳ און זייט מתפּלל, אַז דאָס זאָל ניט
19 זיין אין ווינטער. וואָרים יענע טעג וועלן זיין אַ צָרה, אַזאַ, וואָס
איר גלייַכן איז ניט געווען זינט דעם אָנהייב פון באַשאַף, וואָס
20 גאָט האָט באַשאַפן, ביז איצט, און וועט אויך מער ניט זיין. און
וואָלט גאָט ניט פאַרקירצט די טעג, וואָלט קיין שום בָשׂר־וָדָם
ניט ניצול געוואָרן; נייערט צוליב די אויסדערוויילטע, וועמען ער
21 האָט אויסדערוויילט, האָט ער פאַרקירצט די טעג. אויב סע
וועט דעמאָלט עמיצער צו אייך זאָגן: אָט איז דער מָשיח׳ אָדער:
22 דאָרטן איז ער׳ זאָלט איר עס ניט גלויבן. וואָרים סע וועלן
אויפשטיין פאַלשע משיחים, און פאַלשע נביאים, און זיי וועלן
באַווייזן

באַװײַזן צײכנס און װאונדער, כּדי צו פֿאַרפֿירן, אױב מעגלעך,
23 אַפֿילו די סאַמע אױסדערװײלטע. איר אָבער גיט אַכטונג; זעט,
24 איך האָב אײַך אַלץ פֿאָרױסגעזאָגט. אָבער אין יענע טעג, נאָך
יענער צָרה, װעט די זון פֿינצטער װערן, און די לְבָנה װעט ניט
25 געבן איר ליכט, און די שטערן װעלן פֿאַלן פֿון הימל, און די
26 חַילות פֿון הימל װעלן אױפֿגעטרײסלט װערן. און דעמאָלט װעלן
זײ זען דעם בֶּן־אָדָם קומען אױף די װאָלקנס מיט גבֿורה און
27 גרױס כָּבוד. און דעמאָלט װעט ער אַרױסשיקן זײַנע מַלאָכים,
און צונױפֿזאַמלען זײַנע אױסדערװײלטע פֿון די פֿיר װינטן, פֿון עק
28 ערד ביז עק הימל. און לערנט פֿון דעם פֿײַגנבױם זײַן מָשָל:
בעת זײַן צװײַג װערט זאַפֿטיק, און גיט אַרױס בלעטער, דעמאָלט
29 װײסט איר, אַז זומער איז נאָענט. אַזױ אױך איר, װען איר װעט זען
אַז דאָס האַלט בײַם קומען, טאָ װײסט, אַז ער איז נאָענט בײַ דער
30 טיר. באֱמת, איך זאָג אײַך, דער דאָזיקער דור װעט ניט פֿאַרגײן,
31 ביז דאָס אַלץ װעט געשען. הימל און ערד װעלן פֿאַרגײן, אָבער
32 מײַנע רײד װעלן ניט פֿאַרגײן. נאָר פֿון יענעם טאָג, אָדער יענער
שָעה װײסט קײנער ניט, ניט אַפֿילו די מַלאָכים אין הימל, אױך
33 ניט דער זון, נײַערט נאָר דער פֿאָטער. גיט אַכטונג, װאַכט און
זײט מִתפַּלֵל; װאָרים איר װײסט ניט, װען די צײַט קומט אָן.
34 עס איז געגליכן צו אַ מענטשן, װאָס איז אַװעק אין אַן אַנדער
לאַנד אַרײַן, און װאָס האָט איבערגעלאָזט זײַן הױז אין רשות פֿון
זײַנע קנעכט, יעדן אײנעם זײַן אַרבעט, און האָט באַפֿױלן דעם
35 שומר צו שטײן אױף דער װאַך. דעריבער װאַכט, װאָרים איר
װײסט ניט, װען דער בַּעל־הַבַּית װעט קומען, צי אין אָװנט, אָדער
בײַנאַכט, אָדער װען דער האָן װעט קרײען, אָדער אין דער פֿרי;
36 טאָמער װעט ער פּלוצים אָנקומען און אײַך געפֿינען שלאָפֿנדיק.
37 און װאָס איך זאָג אײַך, זאָג איך צו אַלעמען: װאַכט!
יד און עס איז געװען צװײ טעג פֿאַר פּסח און חַג־הַמַצות. און די
ראָשי־כֹּהנים און די סופֿרים האָבן געזוכט װי אַזױ אים צו כאַפּן
2 מיט כיטרעקײט, און אים טײטן. אָבער זײ האָבן געזאָגט: ניט
אום

אום יום־טוב, כּדי סע זאָל ניט אַרויסרופֿן אַ מהומה צווישן דעם
3 פֿאָלק. און בשעת ער איז געווען אין בית־היני, און איז געזעסן
ביים טיש אין דעם הויז פֿון שמעון דעם מצורע, איז געקומען
אַ פֿרוי, וואָס האָט געהאַט אַן אַלאַבאַסטער קריגל מיט זייער
טייערן זאַלבאייל פֿון ריינער נאַרד; און זי האָט צעבראָכן דאָס
4 קריגל, און עס אויסגעגאָסן אויף זיין קאָפּ. און דאָרטן זענען
געווען עטלעכע, וואָס האָבן געזאָגט מיט פֿאַרדראָס: הלמאַי
5 די דאָזיקע אויסברענגונג פֿון דעם זאַלבאייל? מע האָט דאָך
דעם זאַלבאייל געקענט פֿאַרקויפֿן פֿאַר מער ווי דריי הונדערט
דינָרים, און עס געבן צו די אָרעמעלייט; און זיי האָבן געמורמלט
6 קעגן איר. אָבער ישוע האָט געזאָגט: לאָזט זי געמאַך; פֿאַרוואָס
7 זענט איר זי מצער? זי האָט מיט מיר געטאָן אַ חסד. וואָרים די
אָרעמעלייט האָט איר תּמיד מיט זיך, און ווען נאָר איר ווילט,
קאָנט איר זיי טאָן גוטס; מיך אָבער וועט איר תּמיד ניט האָבן.
8 זי האָט געטאָן וואָס זי האָט געקאָנט; זי האָט געזאַלבט מיין
9 לייב פֿאָרויס צו קבורה. און באמת, איך זאָג אייך, וווּ נאָר
די בשורה־טובה וועט געדרשנט ווערן אין דער גאַנצער וועלט,
וועט אויך דאָס, וואָס זי האָט געטאָן, דערציילט ווערן איר צום
10 אָנדענק. און יהודה איש־קריות, איינער פֿון די צוועלף, איז
אַוועקגעגאַנגען צו די ראָשי־כּהנים, כּדי אים צו פֿאַרראָטן צו זיי.
11 און אַז זיי האָבן דאָס געהערט, זענען זיי געוואָרן מלא־שׂמחה,
און האָבן אים צוגעזאָגט צו געבן געלט. און ער האָט געזוכט
12 אַ פּאַסיקע געלעגנהייט אים צו פֿאַרראָטן. און אין דעם ערשטן
טאָג פֿון חג־המצות, בעת מע שעכט דעם קרבן־פּסח, האָבן
זיינע תּלמידים צו אים געזאָגט: וווּ ווילסטו, אַז מיר זאָלן גיין און
13 אָנברייטן, כּדי דו זאָלסט קענען עסן דעם קרבן־פּסח? און ער
האָט געשיקט צוויי פֿון זיינע תּלמידים, און האָט צו זיי געזאָגט:
גייט אין דער שטאָט אַריין, און דאָרט וועט אייך באַגעגענען אַ
14 מענטש, וואָס טראָגט אַ קרוג מיט וואַסער; גייט אים נאָך. און
וווּ ער וועט אַריינגיין, זאָלט איר זאָגן צום בעל־הבית: דער
רבי

רֶבּי לאָזט דיר זאָגן: וואו איז מיין גאַסט־צימער, וואו איך זאָל
15 עסן דעם קָרבּן־פֶּסַח מיט מיינע תַּלמידים? און ער וועט אייך
ווייזן אַ גרויסע אויבּערשטע שטוּבּ, אַ פאַרטיק אָנגעבּרייטע; און
16 דאָרטן גרייט צוּ פאַר אונדז. און די תַּלמידים זענען געגאַנגען, און
זענען אָנגעקוּמען אין דער שטאָט אַריין, און האָבּן געפוּנען אַזוי
ווי ער האָט געזאָגט; און זיי האָבּן אָנגעבּרייט דעם קָרבּן־פֶּסַח.
17 און אַז עס איז געוואָרן אָוונט, איז ער געקוּמען צוגיין מיט די
18 צוועלף. און בּעת זיי זענען געזעסן און האָבּן געגעסן, האָט יֵשוּעַ
געזאָגט: איך זאָג אייך, איינער פוּן אייך וועט מיך פאַרראָטן,
19 טאָקע דער, וואָס עסט מיט מיר. און זיי האָבּן זיך שטאַרק
מצַער געווען, און איינער נאָכן אַנדערן האָט גענוּמען צוּ אים
20 זאָגן: בּין איך דאָס? און ער האָט צוּ זיי געזאָגט: איינער פוּן
21 די צוועלף, דער, וואָס טוּנקט איין מיט מיר אין דער שיסל. יאָ,
דער בֶּן־אָדָם גייט אַוועק, אַזוי ווי עס שטייט געשריבּן וועגן אים;
אָבּער וויי צוּ יענעם מענטשן דורך וועמען דער בֶּן־אָדָם ווערט
פאַרראָטן. בּעסער וואָלט פאַר יענעם מענטשן געווען, אויבּ ער
22 וואָלט ניט געבּוירן געוואָרן. און בּשַעת זיי האָבּן געגעסן, האָט
ער גענוּמען מַצה, און האָט אַ בּרָכה געמאַכט, און זי צעבּראָכן
23 און זיי געגעבּן, און געזאָגט: נעמט; דאָס איז מיין לײַבּ. און ער
האָט גענוּמען אַ כּוֹס, און האָט אַ בּרָכה געמאַכט, און אים זיי
24 געגעבּן, און זיי האָבּן אַלע פוּן אים געטרוּנקען. און ער האָט צוּ
זיי געזאָגט: דאָס איז מיין בּלוּט פוּן דעם נייעם בּוּנד, וואָס ווערט
25 פאַרגאָסן פאַר אַ סך. בּאֱמת, איך זאָג אייך: איך וועל מער
ניט טרינקען פוּן דער פרוּכט פוּן דעם ווײַנשטאָק, בּיז יענעם
טאָג, ווען איך וועל אים טרינקען אויפסנײַ אין דעם מַלכות פוּן
26 גאָט. און אַז זיי האָבּן אָפּגעזוּנגען הַלֵל, זענען זיי אַרויסגעגאַנגען
27 צוּ דעם הַר־הַזֵיתים. און יֵשוּעַ האָט צוּ זיי געזאָגט: איר אַלע
וועט געשטרויכלט ווערן, וואָרים עס שטייט געשריבּן: איך וועל
28 שלאָגן דעם פאַסטוך, און די שאָף וועלן צעשפּרייט ווערן. אָבּער
29 נאָך מיין אויפשטיין, וועל איך אייך פאָרויסגיין קיין גָליל. האָט

פעטרוס

פּעטרוס צו אים געזאָגט: אויב אַפילו אַלע זאָלן געשטרויכלט
30 ווערן, וועל איך דאָך ניט. און יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט: באֶמת,
איך זאָג דיר, אַז הײַנטיקע נאַכט נאָך, אײדער דער האָן וועט צוויי
31 מאָל קרייִען, וועסטו מיך דרײַ מאָל פֿאַרלײקענען. אַבער ער
האָט גערעדט אַ צעפּלאַמטער: אויב אַפילו איך מוז שטאַרבן
מיט דיר, וועל איך דיך דאָך ניט פֿאַרלײקענען. און אַזוי האָבן
32 זיי אַלע געזאָגט. און זיי זענען געקומען אויף אַ פּלאַץ, וואָס
האָט געהייסן גַת־שְמָנִי; און ער האָט געזאָגט צו זײַנע תַּלמִידים:
33 זעצט אײַך דאָ אַנידער, בעת איך בין מִתפַּלֵל. און ער האָט
מיט זיך גענומען פּעטרוסן, און יַעקֹבן, און יוֹחָנָן, און ער האָט
אָנגעהויבן זיך מצַער צו זײַן, און איז געווען שטאַרק טרויעריק.
34 און ער האָט צו זיי געזאָגט: אויף מײַן נשָמה איז מיר זייער
35 ביטער, אַזש צום טויט; בלײַבט דאָ, און וואַכט. און ער איז
אַפּגעגאַנגען אָביסל ווייטער, און איז געפֿאַלן אויף דער ערד,
און האָט מִתפַּלֵל געווען, אַז אויב מעגלעך, זאָל די שָעה אים
36 פֿאַראיבערגיין. און ער האָט געזאָגט: אַבָא, פֿאָטער, אַלץ איז
מעגלעך בײַ דיר; נעם צו דעם דאָזיקן כּוס פֿון מיר; דאָך ניט
37 ווי איך וויל, נייערט ווי דו ווילסט. און ער איז געקומען און
האָט זיי געפֿונען שלאָפֿנדיק, און ער האָט געזאָגט צו פּעטרוסן:
שִמעוֹן, דו שלאָפֿסט? האָסטו ניט געקאָנט וואַכן איין שָעה?
38 וואַכט און זײַט מִתפַּלֵל, כּדי איר זאָלט ניט קומען צו קיין נִסָיוֹן.
דער גייסט איז טאַקע וויליק, אָבער דאָס פֿלייש איז שוואַך.
39 און ער איז ווידער אַוועקגעגאַנגען און האָט מִתפַּלֵל געווען, און
40 האָט איבערגעחַזרט די זעלבע ווערטער. און ער איז ווידער
געקומען, און האָט זיי געפֿונען שלאָפֿנדיק, וואָרים זייערע אויגן
זענען געווען שווער; און זיי האָבן ניט געוואוסט וואָס אים צו
41 ענטפֿערן. און ער איז געקומען צום דריטן מאָל, און האָט צו זיי
געזאָגט: טוט איר נאָך אַלץ שלאָפֿן און רוען? עס איז גענוג; די
שָעה איז געקומען; זעט, דער בֶּן־אָדָם ווערט איבערגעענטפֿערט
42 אין די הענט פֿון די זינדיקע. שטייט אויף, לאָמיר גיין; אָט קומט
מײַן

43 מיין מָסור אָן. און תּיכּף, בּשעת ער האָט נאָך גערעדט, איז
אָנגעקומען יהודה, איינער פֿון די צוועלף, און מיט אים אַ גרויסער
הַמון מיט שווערדן און מיט שטעקנס, פֿון די ראָשי־כֹּהנים, און די
44 סופֿרים, און די זקֵנים. און דער מָסור האָט זיי געגעבן אַ סימן,
און געזאָגט: וועמען איך וועל אַ קוש טאָן, דער איז עס; נעמט
45 אים, און פֿירט אים אַ זיכערן אַוועק. און אַז ער איז געקומען, איז
ער גלייך צו אים צוגעגאַנגען, און געזאָגט: רֶבּי! און האָט אים
46 געקושט. און זיי האָבן אַרויפֿגעלייגט זייערע הענט אויף אים, און
47 האָבן אים גענומען. אָבער איינער פֿון די, וואָס זענען דערבּיי
געשטאַנען, האָט אַרויסגעצויגן זיין שווערד, און האָט געשלאָגן
48 דעם כֹּהן־גָדולס קנעכט, און אים אָפּגעהאַקט אַן אויער. און
יֵשוע האָט צו זיי געזאָגט: זענט איר אַרויסגעקומען ווי קעגן אַ
49 גַזלן, מיט שווערדן און שטעקנס מיך צו כאַפּן? טאָג־טעגלעך
בּין איך געווען מיט אייך אין בֵּית־הַמִקדש און האָב געלערנט,
און איר האָט מיך ניט גענומען. אָבער די כּתבֵי־הַקודֶש מוזן
50 אויף אַזאַ אופֿן מקוים ווערן. און זיי האָבן אים אַלע פֿאַרלאָזט און
51 זענען אַנטרונען. און איינער אַ יונגערמאַן איז אים נאָכגעגאַנגען,
וואָס האָט געטראָגן אַ לייַוונט געוואַנט איבּערן נאַקעטן לייַבּ,
52 און אים האָבן זיי געכאַפּט; אָבער ער האָט געלאָזן דאָס
53 לייַוונט, און געוואַנט איז אַנטרונען אַ נאַקעטער. און זיי האָבן
יֵשוען אַוועקגעפֿירט צום כֹּהן־גָדול; און סע האָבן זיך בּיי אים
פֿאַרזאַמלט אַלע ראָשי־כֹּהנים, און די זקֵנים, און די סופֿרים.
54 און פּעטרוס איז אים נאָכגעגאַנגען פֿון דערווייַטן, בּיז אינעווייניק
אין הויף אַריין פֿון דעם כֹּהן־גָדול; און ער האָט זיך געזעצט
55 מיט די בּאַדינער, און האָט זיך געוואַרעמט בּיים פֿייער. און
די ראָשי־כֹּהנים און דער גאַנצער סַנהֶדרין האָבן געזוכט עֵדות
56 קעגן יֵשוען, כּדי אים צו טייטן; און האָבן ניט געפֿונען. וואָרים אַ
סך האָבן קעגן אים פֿאַלש עֵדות געזאָגט, אָבער זייער עֵדות־זאָגן
57 האָט ניט געשטימט. און עטלעכע זענען אויפֿגעשטאַנען, וואָס
האָבן אָפּגעלייגט פֿאַלש עֵדות קעגן אים, און האָבן געזאָגט:
מיר

58 מיר האָבן אים געהערט זאָגן: איך וועל חָרוב מאַכן דעם דאָזיקן
הֵיכל, וואָס איז געמאַכט מיט הענט, און אין דריי טעג וועל איך
אויפֿבויען אַן אַנדערן, וואָס איז ניט געמאַכט מיט קיין הענט.
59, 60 און אַפֿילו אין דעם האָט זייער עֵדות־זאָגן ניט געשטימט. און
דער כֹּהן־גָדול איז אויפֿגעשטאַנען צווישן זיי, און האָט געפֿרעגט
יֵשוּעַן: דו ענטפֿערסט גאָרניט? וואָס מיינט דאָס, וואָס די דאָזיקע
61 זאָגן עֵדות קעגן דיר? אָבער ער האָט געשוויגן, און האָט גאָרניט
געענטפֿערט. און דער כֹּהן־גָדול האָט אים ווידער געפֿרעגט:
62 ביסטו דער מָשיחַ, דער זון פֿון דעם געבענטשטן? און יֵשוּעַ
האָט געזאָגט: איך בין; און זען וועט איר דעם בֶּן־אָדָם זיצן
ביי דער רעכטער האַנט פֿון דער גבורה, און קומען מיט די
63 וואָלקנס פֿון הימל. און דער כֹּהן־גָדול האָט צעריסן זיינע בגָדים,
64 און געזאָגט: צו וואָס דאַרפֿן מיר נאָך עֵדות? אָט האָט איר
געהערט די לעסטערונג; וואָס איז אייער דֵעה? און זיי האָבן
65 אים אַלע פֿאַרמִשפּט: ער איז חַייב־מִיתה. און עטלעכע האָבן
גענומען אויף אים שפּייען, און אים פֿאַרהילט דאָס פָּנים, און אים
געשלאָגן מיט די פֿויסטן, און צו זאָגן צו אים: זאָג נבִיאות׳ און די
66 באַדינער האָבן אים באַגעגנט מיט קלעפּ. און בשַעת פּעטרוס
איז געווען אונטן אין הויף, איז צוגעגאַנגען איינע פֿון די דינסטן
67 פֿון דעם כֹּהן־גָדול; און אַז זי האָט געזען פּעטרוסן וואַרעמען זיך,
האָט זי געקוקט אויף אים, און געזאָגט: דו ביסט אויך געווען
68 מיט יֵשוּעַ הַנוֹצרי. אָבער ער האָט געלייקנט, און געזאָגט:
ניט איך וויים, ניט איך פֿאַרשטיי, וואָס דו זאָגסט. און ער איז
אַרויסגעגאַנגען אין דעם פֿאָרהויף, און דער האָן האָט געקרייֵט.
69 און די דינסט האָט אים געזען, און האָט ווידער אָנגעהויבן זאָגן
צו די, וואָס זענען געשטאַנען דערביי: ער איז אויך איינער פֿון
70 זיי. אָבער ער האָט עס ווידער געלייקנט. און אין אַ ווײַלע
אַרום האָבן די, וואָס זענען דאָרט געשטאַנען, ווידער געזאָגט צו
פּעטרוסן: באֶמת, דו ביסט איינער פֿון זיי; וואָרים דו ביסט אַ
71 גָלִילער. און ער האָט אָנגעהויבן זיך צו שעלטן און צו שווערן:

איך

72 איך קען ניט דעם מענטשן פֿון וועמען איר רעדט. און תּיכּף
האָט דער האָן געקרייִט צום צווייטן מאָל. און פּעטרוס האָט
זיך דערמאָנט דאָס וואָרט, וואָס יֵשוּעַ האָט צו אים געזאָגט:
אײדער דער האָן וועט צוויי מאָל קרייִען, וועסטו מיך דריי מאָל
פֿאַרלייקענען. און אַז ער האָט זיך דערין דערמאָנט, האָט ער זיך
צעוויינט.

טו און תּיכּף אין דער פֿרי האָבן די ראָשי־כּהנים, מיט די זקנים
און סופֿרים, און דער גאַנצער סַנהדרין זיך אָן עֵצה געהאַלטן,
און זיי האָבן געבונדן יֵשוּעַן, און האָבן אים אַוועקגעפֿירט און
2 אים איבערגעענטפֿערט צו פּילאַטוסן. און פּילאַטוס האָט אים
געפֿרעגט: ביסטו דער מֶלך פֿון די יִדן? האָט ער אים
3 געענטפֿערט: דו זאָגסט עס. און די ראָשי־כּהנים האָבן אים
4 באַשולדיקט אין אַ סך זאַכן. און פּילאַטוס האָט אים נאָכאַמאָל
געפֿרעגט: דו ענטפֿערסט גאָרניט? זע וואָס זיי טוען דיר
5 פֿירוואַרפֿן. אָבער יֵשוּעַ האָט מער גאָרניט געענטפֿערט, אַזוי,
6 אַז פּילאַטוס האָט זיך געחידושט. און אויף יום־טוב פֿלעגט ער
7 זיי פֿרײַלאָזן אַ געפֿאַנגענעם, וועמען זיי האָבן נאָר געוואָלט. און
דאָ איז געווען איינער, וואָס האָט געהייסן בר־אַבָּא, וואָס איז
געווען געפֿאַנגען מיט מורדים, וואָס זענען באַגאַנגען אַ רציחה
8 בעת דעם אויפֿשטאַנד. און דער הָמון איז אַרויפֿגעגאַנגען און
האָט אים גענומען בעטן, אַז ער זאָל טאָן ווי ער איז געווען
9 געוואוינט פֿאַר זיי צו טאָן. און פּילאַטוס האָט זיי געענטפֿערט:
ווילט איר, אַז איך זאָל אײַך באַפֿרײַען דעם מֶלך פֿון די יִדן?
10 וואָרים ער האָט דערקענט, אַז די ראָשי־כּהנים האָבן אים
11 איבערגעענטפֿערט צוליב קִנאה. אָבער די ראָשי־כּהנים האָבן
אויפֿגערייצט דעם הָמון, אַז ער זאָל זיי ליבערשט באַפֿרײַען
12 בר־אַבָּאן. און פּילאַטוס האָט נאָכאַמאָל צו זיי געזאָגט: און
וואָס זאָל איך טאָן מיט אים, וועמען איר רופֿט: מֶלך פֿון
13, 14 די יִדן? האָבן זיי ווידער אויסגעשריגן: קרייציק אים. און
פּילאַטוס האָט צו זיי געזאָגט: פֿאַרוואָס, וואָסער שלעכטס

האָט

האָט ער געטאָן? אָבער זיי האָבן נאָך שטאַרקער געשריגן:
15 קרייציק אים. און אַזוי ווי פּילאַטוס האָט געוואָלט צוליב טאָן
דעם המון, האָט ער זיי באַפרייט בר־אַבאָן, און ישוען האָט
ער געלאָזט שמייסן, און אים איבערגעענטפערט געקרייציקט צו
16 ווערן. און די זעלנער האָבן אים אַוועקגעפירט אין דעם הויף
אַריין פון דעם פּרעטאָריום, און האָבן צונויפגערופן דאָס גאַנצע
17 חיל. און זיי האָבן אים אָנגעטאָן אַ פּורפּור מאַנטל און האָבן
אויסגעפלאָכטן אַ קרוין פון דערנער, און האָבן זי אים אָנגעטאָן.
18, 19 און זיי האָבן אים גענומען באַגריסן: שלום, מלך פון די יידן! און
זיי האָבן אים געשלאָגן איבערן קאָפּ מיט אַ רוט, און געשפּיגן
אויף אים, און זענען געפאַלן כורעים, און האָבן זיך געבוקט
20 צו אים. און נאָכדעם ווי זיי האָבן אים אָפּגעשפּעט, האָבן זיי
פון אים אַראָפּגענומען דעם פּורפּור מאַנטל, און אים אָנגעטאָן
זיינע מלבושים. און זיי האָבן אים אַרויסגעפירט געקרייציקט
21 צו ווערן. און זיי האָבן געצוואונגען איינעם אַ פאַרבייגייער,
שמעון פון קוריני, וואָס איז געקומען פון פעלד, דעם פאָטער פון
22 אַלכּסנדר און רופוס, צו טראָגן זיין צלב. און זיי האָבן אים
געבראַכט צו אַ פּלאַץ, וואָס האָט געהייסן גלגלתא, דאָס הייסט:
23 דער שאַרבן־פּלאַץ. און זיי האָבן אים געגעבן ווין געמישט
24 מיט מירע; אָבער ער האָט אים ניט גענומען. און זיי האָבן
אים געקרייציקט, און האָבן צווישן זיך צעטיילט זיינע מלבושים,
25 וואַרפנדיק גורל אויף זיי, וואָס יעדער זאָל נעמען. און עס איז
26 געווען די דריטע שעה, בית זיי האָבן אים געקרייציקט. און אויף
דער אויפשריפט פון זיין באַשולדיקונג איז געווען געשריבן:
27 דער מלך פון די יידן. און צוזאַמען מיט אים האָבן זיי געקרייציקט
צוויי גזלנים, איינעם צו זיין רעכטער, און איינעם צו זיין לינקער
28 האַנט. און עס איז מקוים געוואָרן דער פּסוק, וואָס זאָגט: ער
29 איז פאַררעכנט געוואָרן מיט פאַרברעכער. און די פאַרבייגייער
האָבן אים געלעסטערט, און האָבן געשאָקלט מיט זייערע קעפּ,
און געזאָגט: אָ, דו, וואָס צעשטערסט דעם היכל, און טוסט

אים

30 אים אויפֿבויען אין דריי טעג, זײַ דיך אַליין מַציל, און קום אַראָפּ
31 פֿון דעם צלָב. און אַזוי האָבן אויך די ראָשי־כֹּהֲנים מיט די
סופֿרים פֿון אים אָפּגעשפּעט, און געזאָגט: אַנדערע האָט ער
32 מַציל געווען, זיך אַליין קאָן ער ניט מַציל זײַן. דער מָשיחַ, דער
מֶלך פֿון יִשׂרָאֵל איז ער׳ זאָל ער איצט אַראָפּקומען פֿון דעם
צלָב, אַז מיר זאָלן זען און גלויבן. און אויך די, וואָס זענען מיט
33 אים געקרייציקט געוואָרן, האָבן אים מבַזה געווען. און בעת
עס איז געקומען די זעקסטע שָעה, איז געוואָרן אַ פֿינצטערניש
34 איבער דעם גאַנצן לאַנד, ביז דער ניינטער שָעה. און אין דער
ניינטער שָעה האָט יֵשוּעַ געשריגן מיט אַ הויך קול: אֱלָהִי,
אֱלָהִי, לָמָה שְבַקתָּני? וואָס באַטײַט: מײַן גאָט, מײַן גאָט,
35 פֿאַרוואָס האָסטו מיך פֿאַרלאָזן? און עטלעכע פֿון די, וואָס זענען
דערבײַ געשטאַנען, און האָבן עס געהערט, האָבן געזאָגט: זע,
36 ער רופֿט אֵליָהוּן. און איינער איז געלאָפֿן, און האָט אָנגעפֿילט
אַ שוואָם מיט עסיק, און האָט אים אַרויפֿגעטאָן אויף אַ שטעקן,
און אים געגעבן צו טרינקען, און געזאָגט: לאָזט נאָר, לאָמיר
37 זען, צו אֵליָהוּ וועט קומען אים אַראָפּנעמען. און יֵשוּעַ האָט
38 אַרויסגעלאָזט אַ הויך קול, און האָט אויסגעהויכט די נשָמה. און
דאָס פָּרוֹכֶת פֿון דעם הֵיכל איז צעריסן געוואָרן אין צווייען, פֿון
39 אויבן ביז אַראָפּ. און אַז דער הויפּטמאַן, וואָס איז געשטאַנען
קעגנאיבער אים, האָט געזען, אַז ער האָט אויסגעהויכט די
נשָמה, האָט ער געזאָגט: דער דאָזיקער מענטש איז באֱמת
40 געווען דער בֶּן־אֱלֹהִים׳ און דאָרט זענען אויך געווען פֿרויען,
וואָס האָבן זיך צוגעקוקט פֿון דער ווײַטנס; צווישן זיי מִריָם פֿון
מַגדָלָה, און מִריָם די מוטער פֿון יַעקֹב הַקָטן, און פֿון יוסי, און
41 שלוֹמית, וואָס זענען אים נאָכגעגאַנגען, בעת ער איז געווען אין
גָליל, און האָבן אים באַדינט; און אויך אַ סך אַנדערע פֿרויען,
42 וואָס האָבן מיט אים עולה־רֶגל געווען קיין ירושָלַיִם. און אַז עס
איז שוין געוואָרן אָונט, און ווײַל עס איז געווען דער טאָג פֿון
43 צוברייטונג, דאָס הייסט, עֶרֶב־שַבּת, האָט יוסף פֿון רָמָתַיִם, אַ
חשובער

חָשובֿער בַּעל־יועץ, וואָס האָט אַליין אויך געוואַרט אויף דעם
מַלכות פֿון גאָט, זיך אָנגעטאָן אַ כּוח און איז אַרײַנגעגאַנגען צו
44 פּילאַטוסן, און האָט געבעטן דעם גוף פֿון יֵשוּעַן. און פּילאַטוס
האָט זיך געחידושט, וואָס ער איז שוין טויט, און ער האָט געלאָזט
רופֿן דעם הויפּטמאַן, און האָט אים געפֿרעגט, צי ער איז שוין
45 לאַנג טויט. און אַז ער איז דאָס געוואָר געוואָרן פֿון דעם
46 הויפּטמאַן האָט ער באַוויליקט דעם גוף פֿאַר יוסֵפֿן. און ער
האָט געקויפֿט לײַוונטענע תַּכריכים, און האָט אים אַראָפּגענומען
און אײַנגעוויקלט אין די תַּכריכים, און אים אַרײַנגעלייגט אין אַ
קֶבֿר, וואָס איז געווען אויסגעהאַקט אין אַ פֿעלזן; און ער האָט
47 צוגעקײַקלט אַ שטיין צו דער טיר פֿון קֶבֿר. און מִריָם פֿון
מַגדָלָה, און מִריָם, די מוטער פֿון יוסֵן, האָבן געזען, וואו מע האָט
אים געלייגט.

טז און אַז דער שַׁבָּת איז אַריבער, האָבן מִריָם פֿון מַגדָלָה, און
מִריָם, די מוטער פֿון יַעקבֿן און שלומית, געקויפֿט בְּשָׂמים, כּדי
2 זיי זאָלן קענען קומען און אים זאַלבן. און זייער פֿרי אין דעם
ערשטן טאָג נאָך דעם שַׁבָּת, זענען זיי געקומען צום קֶבֿר, בעת
3 די זון איז אויפֿגעגאַנגען. און זיי האָבן איינע צו דער אַנדערער
געזאָגט: ווער וועט אונדז אַוועקקײַקלען דעם שטיין פֿאַר דער
4 טיר פֿון קֶבֿר? און בעת זיי האָבן אויפֿגעהויבן זייערע אויגן,
האָבן זיי געזען, אַז דער שטיין איז אַוועקגעקײַקלט, הַגם ער
5 איז געווען זייער גרויס. און אַז זיי זענען אַרײַנגעגאַנגען אין
דעם קֶבֿר, האָבן זיי געזען אַ יונגנמאַן זיצן בײַ דער רעכטער
זײַט, אָנגעקליידט אין אַ ווײַס געוואַנט; און זיי האָבן זיך
6 דערשראָקן. אָבער ער האָט צו זיי געזאָגט: שרעקט אײַך
ניט; איר זוכט יֵשוּעַ הַנָצרי, וואָס איז געקרייציקט געוואָרן. ער
איז אויפֿגעשטאַנען, ער איז דאָ ניטאָ; זעט דאָס אָרט, וואו זיי
7 האָבן אים געלייגט. אָבער גייט, און זאָגט זײַנע תַּלמידים און
כֵּיפֿאַן, אַז ער גייט אײַך פֿאָרויס קיין גָלִיל; דאָרט וועט איר
8 אים זען, ווי ער האָט אײַך געזאָגט. און זיי זענען אַרויסגעגאַנגען
און

און האָבן גענומען לויפן פון קֶבר; וואָרים אַ ציטערניש און אַ
פַּחד איז זיי באַפאַלן; און פון מורא האָבן זיי קיינעם גאָרניט
9 דערציילט. און אַז ער איז אויפגעשטאַנען אין דער פרי נאָך
דעם ערשטן טאָג נאָך דעם שַבָּת, האָט ער זיך קודם באַוויזן
צו מִרָיָם פון מַגדָלָה, פון וועמען ער האָט אַרויסגעטריבן זיבן
10 בייזע גייסטער. און זי איז געגאַנגען און האָט עס דערציילט
צו די, וואָס זענען מיט אים געווען, און וואָס האָבן פאַראָבלט
11 געוויינט. און הַגַם זיי האָבן געהערט, אַז ער לעבט, און אַז
ער איז פון איר געזען געוואָרן, האָבן זיי עס ניט געגלויבט.
12 נאָכדעם האָט ער זיך באַוויזן אין אַן אַנדער געשטאַלט צו צוויי
13 פון זיי, בעת זיי זענען געגאַנגען אין פעלד אַריין. און זיי זענען
געגאַנגען און האָבן עס דערציילט צו די איבעריקע; און אויך
14 זיי האָבן זיי ניט געגלויבט. און דערנאָך האָט ער זיך באַוויזן
צו די עלף גופא, בעת זיי זענען געזעסן ביים טיש; און ער
האָט זיי פאָרגעהאַלטן זייער אומגלויביקייט און האַרטקייט פון
האַרצן, וואָרים זיי האָבן ניט געגלויבט די, וואָס האָבן אים
15 געזען נאָכדעם ווי ער איז אויפגעשטאַנען. און ער האָט צו זיי
געזאָגט: גייט אין דער גאַנצער וועלט, און זאָגט אָן די בשורה
16 צו דער גאָנצער באַשאַפונג. דער, וואָס גלויבט און ווערט
געטובלט, וועט ניצול ווערן; דער אָבער, וואָס גלויבט ניט, וועט
17 פאַרמִשפּט ווערן. און די דאָזיקע סִימָנים וועלן באַגלייטן די, וואָס
גלויבן: אין מיין נאָמען וועלן זיי אַרויסטרייַבן בייזע גייסטער;
18 זיי וועלן רעדן מיט נייע לשונות; זיי וועלן אויפהייבן שלאַנגען,
און אויב זיי וועלן טרינקען סַם־הַמָוֶת, וועט עס זיי ניט שאַטן; זיי
וועלן אַרויפלייגן זייערע הענט אויף קראַנקע, און זיי וועלן ווערן
19 געזונט. און נאָכדעם ווי דער האָר יֵשוּעַ האָט צו זיי גערעדט,
איז ער אַרויפגענומען געוואָרן אין הימל אַריין, און האָט זיך
20 אַנידערגעזעצט צו דער רעכטער האַנט פון גאָט. און זיי זענען
אַרויסגעגאַנגען, און האָבן אומעטום געדַרשנט, און דער האָר
האָט געווירקט מיט זיי, און האָט באַשטעטיקט דאָס וואָרט דורך
די

**די צייכנס, וואָס האָבּן זיי בּאַגלייט. אָמֵן.**